STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05965

ETISHE PROBLEMEN BAY YIDN IN DER NATSI-EPOKHE

Benjamin Orenstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיינע טייערע פריינד און ל
הר. און מרס. אליהו גאלדבערג
און אנדענקונג,
דער מחבר
ד"ר ב. אורנ

13/6/64

Ethical Problems of the Jews

in the Nazi epoch

by Dr. BENJAMIN ORENSTEIN

ד״ר בנימין ארענשטיין

ע ט י ש ע
פראָבלעמען
ב י י י י ד ן
א י ן ד ע ר
נאַצי-עפּאָכע

י י ד י ש ע ר ק ו ל ט ו ר ק ל ו ב

מאָנטרעאל • 1964 • קאַנאַדע

אינהאַלט

אַריינפיר	5
וואָס איז אַזוינס עטיק?	7
דער באַגריף גערא אין דער נאַצי־עפּאָכע	12
פאָרמען פון אומקום	13
וואָס איז אַזוינס קדושה?	16
פאָרמען פון קדושה	17
רעליגיעזע קדושה	18
נאַציאָנאַלע קדושה. א) פּאַסיווע־פאָרם	19
נאַציאָנאַלע קדושה. ב) אַקטיווע־פאָרם	20
נאַציאָנאַלע קדושה. ג) סופּערלאַטיווע־פאָרם	21
מעטאפיזישע קדושה	22
אוניווערסאַלע קדושה	23
קאָלאַבאָראַטאָרן מיט דער נאַצי־מאַכט	24
משומדים	25
מאַטעריאַל קוועלן	27
ביבליאָגראַפיע פון מחבר׳ס פאַרעפנטליכטע אַרבעטן	30

עטישע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי-עפּאָכע

אַ ר י י נ פ י ר

די אויפגאַבע פון דער פאַרליגנדער אַרבעט איז צו באַטראַכטן אין אַ קאָנדענסירטער פאָרם די עטישע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע, דאָס הייסט, אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

ביים באַטראַכטן דעם קאָמפּלעקס פון עטישע פּראָבלעמען שטעלן זיך אין דער ערשטער רייע פאָלגנדע פראַגן. צי האָט דאָס אייראָפּעאישע יידנטום געהאַט גענוג גייסטיקע רעזערוון צו באַקעמפן און אַנטקעגנשטעלן זיך די דעמאָראַליזירנדע איינפלוסן, וואָס האָבן ווי אַ שטורם־ווינט געווייעט פון נאַצי־דייטשלאַנד און באַהערשט מיליאָנען מוחות פון די אייראָפּעאישע פעלקער?

צי האָט דאָס יידישע פאָלק נישט פאַרלוירן איר עטישע טראַדיציע אין קאַמף קעגן די שעדלעכע ווירקונגען פון דער פאַרסמטער אַטמאָספערע, וואָס האָט צעשטערט אַלע יסודות פון עטיק און מאָראַל?

ווי אַזוי האָט דאָס יידנטום באַלייגט דעם היסטאָרישן עקזאַמין פון עטישע קאָנסעקוועטקייט אין קאַמף קעגן אַ שונא, וועלכער איז פון טעכנישן שטאַנד־פונקט געשטאַנען אויף דער העכסטער מדרגה פון אַנטוויקלונג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט און צו דער גלייכער צייט עטיש געשטאַנען נידעריקער פון די וואַנדערנדיקע שבטים פון די פאַרהיסטאָרישע צייטן. וואָס העכער די דייטשישע טעכניק איז געוואַקסן, אַלץ נידעריקער האָט געזונקען איר עטיק און מאָראַל.

דאָס יידישע פאָלק, דער עם־הספר, איז פון קדמונים געווען צוגעוווינט צו פּלפּולים און חקירות, דעריבער איז די פראַגע, ווי אַזוי האָבן יידן פון פאַרשידענע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אָנשויאונגען, הגם פּאָליטישע און אידעאישע קעגנער, רעאַגירט אין דער עפּאָכע פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע.

די נאַצי־מאַכט האָט איזאָלירט די יידן פון דער אויסערלעכער וועלט דורך שאַפן געטאָס, וואָס קענען נישט פאַרגליכן ווערן צו די מיטלאַלטערלעכע געטאָ־פאָרמען, דעריבער איז די פראַגע, וואָס דאַרפט מען פאַרשטיין אונטערן באַגריף געטאָ אין דער נאַצי־עפּאָכע.

אויסער די באַרירטע פּראָבלעמען קומט אין באַטראַכט קדושה מאָמענטן פון זיך מקריב זיין פאַרן כבוד פון דער יידישער אמונה און יידישן פאָלק.

אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע, אין דער נאַצי־עפּאָכע, זענען דערשינען גיגאַנטישע גייסטיקע און פיזישע העלדן, וואָס האָבן באַלייגט אַ היסטאָרישן עקזאַמען פון יידישער עטיק, באַזיגנדיק די גייסטיקע אינפעקציע פון באַרבאַרישער דעמאָראַליזאַציע.

אויפן מזבח פון יידישער עטיק האָבן זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע פאַרהייליקט זייער אָנדענק אין רעליגיעזער, נאַציאָנאַלער, מעטאַפיזישער, און אוניווערסאַלער קדושה.

אין קעגנזאַץ צו די גייסטיקע און פיזישע קדושים זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם היסטאָרישן עקזאַמען. זיי זענען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער דעמאָראַליזירנדער גייסטיקער אינפעקציע. דאָס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן איבערגעריסן די גייסטיקע עטישע פעדעם פון יידישן פאָלק און באַהערשט געוואָרן, אין פסיכאָלאָגישן זין, פון אומווילקירלעכער פאַסיווער אויפמערקזאַמקייט. דאָס איז געווען דער אָפּפאַל פון יידישן פאָלק, וואָס איז באַשטאַנען, אין אַ גרויסער צאָל, פון משומדים.

די אַרבעט באַציט זיך, אין דער ערשטער רייע, צו די פאָזיטיווע דערשיינונגען פון יידישן לעבן אין דער צייט פון דער נאַצי־עפּאָכע.

דער מחבר

וואָס איז אַזוינס עטיק?

דער אויסדרוק עטיק שטאַמט פון גריכיש און באַדייט: אייגנשאַפט, כאַראַקטער.

עטיק איז אַ וויסנשאַפטס-לערע, וואָס באַפאַסט זיך מיט די פּראָבלעמען פון קעגנזייטיקער באַציאונג צווישן אוניווערס און מענטש.

עטיק איז פאַרבונדן מיט דעם באַגריף מאָראַל. דער אויסדרוק מאָראַל שטאַמט פון לאַטיין און באַדייט: אַ וויסנשאַפטס-לערע, וואָס פאַרנעמט זיך מיט די פּראָבּלעמען פון קעגנזייטיקער רעכטלעכער באַציאונג פון דער געזעלשאַפט צום יחיד און אינדיווידועלע באַציאונג פון יחיד צו יחיד.

ד"ר שמחה פּיעטרושקאַ דערקלערט: „דאָס וואָרט עטיק נעמט אַרום די לערע וועגן דער אויפפירונג פון מענטש, די גוטע מידות. די אויסבילדונג פון כאַראַקטער האָט נישט אין דער העברעישער שפּראַך זיין ריכטיקע איבערזעצונג. געוויינלעך באַצייכנט מען עס מיטן טערמין „מוסר". אחד־העם באַצייכנט דעם טערמין „מוסר היהדות" אַלס באַצייכענונג פאַר עטיק פון יידנטום. מוסר לויט די רעליגיעזע ספרים באַדייט די אויפפירונג פון ייד „בין אדם למקום" (צווישן מענטש און גאָט) און סיי בין אדם לחברו. די מאָדערנע פילאָזאָפיע נעמט אַריין אין עטיק אויך די באַציאונג פון מענטש צו זיך אַליין.1)

דאָס עטיש-מאָראַלישע לעבן איז אָפּהענגיק פון דער סביבה, גייסטיקער אַטמאָספערע, ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור און אַפילו אויך פון געאָגראַפישע באַדינגונגען. ד"ר י. העלער אין זיין שטודיע „יידישער לעבנסשטייגער", דערקלערט: „אין דעם קליינעם אוקראַינישן, פּוילישן, גאַליצישן אָדער ליטווישן שטעטל, ווו יידן האָבן אגב געבילדעט די גרויסע מערהייט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג, האָט דער יידישער טראַדיציאָנעלער שטייגער דורכאויס באַהערשט ניט בלויז די יידישע עדה, נאָר האָט אויך אין אַ געוויסער מאָס באַשטימט דעם ריטם פון לעבן פאַר דער איבעריקער באַפעלקערונג. שבת איז געווען אַ רו-טאָג פאַרן גאַנצן שטעטל, אַ יידישער יום־טוב האָט זיך געפילט ביי דער גאַנצער באַפעלקערונג. ביי דעם איינצלנעם יידן האָט אַפילו נישט געקענט אויפקומען אַ געדאַנק נישט צו האַלטן מיט אַלעמען צוזאַמען שבת, יום־כיפּור אָדער פּסח.2)

די יידישע עטיק שטיצט זיך אויף פינף הויפּט יסודות:

א. ביבלישע,
ב. אַפּאָקריפישע,
ג. רבנישע,
ד. פילאָזאָפישע און
ה. מאָדערנע.3)

די ביבלישע עטיק באַזירט זיך אויף די געזעצן און פאַרבאָטן פון תנ"ך.
די אַפּאָקריפישע — אויף די עטישע אידעען פון זוהר.
די רבנישע — עטישע סענטענצן פון מפורשים, מגידים און מסור־זאָגער.
די פילאָזאָפישע — קעגנזייטיקע באַציאונג פון אוניווערס צום מענטש.
די מאָדערנע — באַציאונג פון מענטש צו זיך אַליין.

אַן אייגנאַרטיקן געדאַנק געפינט מען ביי ברוך שפּינאָזאַ אין זיין ווערק „די עטיק" און נעמלעך: „שלעכטס קען דעם מענטשן טרעפן נאָר דורך אויסנ־וויניקסטע אורזאַכן; אויף אַזוי ווייט, נעמלעך, ווי ער איז אַ טייל פון דער אוני־ווערסאַלער נאַטור, וואָס אירע געזעצן איז די מענטשלעכע נאַטור געצוווּנגען צו פאָלגן, און אויף כמעט אומענדלעכע אופנים זיך צו זיי צופּאַסן" (4.

די יידישע עטיק אין דער נאַצי־עפּאָכע האָט זיך מיט איבערנאַטירלעכע כוחות אַנטקעגנגעשטעלט די אויסערלעכע איינפלוסן, וואָס האָבן גייסטיק דעמאָראַליזירט גאַנצע גרופּן פון פאַרשידענע אייראָפּעאישע פעלקער און אויך באַקעמפט די נאַטור־געזעצן, וועלכע ברוך שפּינאָזאַ האַלט, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז געצוווּנגען צו פאָלגן, און אויף כמעט אומענדלעכע אופנים זיך צו זיי צופּאַסן.

אַלסביישפּיל קען דינען פאָלגנדער עפּיזאָד. אין אַן אַרטיקל אונטערן מערק־ווירדיקן טיטל: „אַ פּאַרטיזאַן, אליהו הנביא אָדער אַ לאַמעד־וואָווניק", ווערט איבערגעגעבן די געשיכטע פון 68־יאָריקן וואַראַנאַווער חזן־שוחט ר' הערש קאַנאַפּקין. אין דעם אַרטיקל ווערט איבערגעגעבן, אַז ר' הערש קאַנאַפּקין איז געווען אין דער נאַצי־עפּאָכע אין אַ יידישן פּאַרטיזאַנער אָטריאַד פון קאָמענדאַנט טוביה ביעלסקי. ניט געקוקט אויף די נאַטור דערשיינונגען אין ווינטער: גרויסע קעלטן, פרעסט, שנייען, דערצו הונגער און דורשט, יעדע מינוט צו זיין אין געפאַר פון בלוטיקע שלאַכטן, דאָך האָט דער אַלטער חזן־שוחט באַקעמפט די אַלע דערשיינונגען. אין דעם אַרטיקל איז דערקלערט: „אין וואַלד האָט דער אַלטער חזן־שוחט הערש קאַנאַפּקין געמאַכט אַ הייל (זיעמלאַנקע) פאַר אַ שול צום דאַווענען, געשאַכטן פלייש אויף כשר, אויף פּסח געבאַקן מצות, דערטיילט חופּה־וקידושין, און ווען עס איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע האָט ער אָדורכגעפירט די ברית־מילה. וויפיל גייסטיקע מאָראַלישע און עטישע כוחות האָט באַזעסן דער אַלטער חזן־שוחט, אַז ער זאָל אויף איין מינוט נישט פאַרלירן דעם בטחון און אמונה? וויפיל נסיונות האָט ער געהאַט אויסצושטיין. דער וואַלד איז פיל מאָל באָמבאַרדירט געוואָרן פון דער לופט. זייער אָפט זיינען פאָרגעקומען אין גרויסן מאַסשטאַב קאַמפן מיט די נאַצי־דייטשן. עס זיינען אויך פאָרגעקומען פאַרביטערטע פון האַנט צו האַנט קאַמפן מיט מיליטערישע דייטשע אָפּטיילונגען, וואָס זיינען צוריקגעשטויסן געוואָרן פון די פראָנטן. פיל מאָל זיינען אויך געווען פאַרלוסטן פון די יידישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן זייער לעבן אין פרייהייטס־קאַמף פאַרלוירן. נישט געקוקט דערויף האָט דער אַלטער הערש קאַנאַפּקין אויף קיין איין מינוט נישט געצווייפלט, אַז די נאַצי־מאַכט, וואָס באַזירט זיך אויף רשעות, אכזריות, רויב און מאָרד מוז פאַלן" (5.

פּעטער קראַפּאָטקין אין זיין וויסנשאַפטלעך ווערק „די עטיק" אין קאַפּיטל „דער מאָראַלישער פּרינציפּ פון דער נאַטור" דערקלערט: „אַ מענטש, וואָס האָט נאָכגעגעבן זיין געפיל פון זעלבסטדערהאַלטונג און ניט ריזיקירט מיט זיין לעבן כדי צו ראַטעווען דאָס לעבן פון אַן אַנדערן מענטשן; אָדער, אַנגערעגט פון הונגער, האָט ער עפּעס צוגעגנבעט. אין אַט די ביידע פאַלן האָט ער געפאָלגט אַ גאַנץ נאַטירלעכן אינסטינקט" (6.

ווען מען נעמט פּעטער קראַפּאָטקין'ס געדאַנק אַלס באַזיס פאַר באַטראַכטונגען מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די יידישע עטיק אין דער נאַצי־עפּאָכע איז אַ פענאָמענאַלע דערשיינונג. יידן האָבן נישט נאָכגעפאָלגט די נאַטירלעכע אינסטינקטן

פון זעלבסטדערהאַלטונגס־געפיל, נאָר זיך מקריב געווען פאַר דער סביבה, פאַר דער געזעלשאַפט, פאַרן פאָלק און אַפילו פאַר דער מענטשהייט אין אוניווער־סאַלן זין.

אין קעגנזאַץ צו ברוך שפּינאָזאַס באַהויפּטונג, אַז די מענטשלעכע נאַטור איז געצווונגען צו פאָלגן די געזעצן פון דער נאַטור, איז דאָ אַ גאַר אַנדערע מיינונג ביי טשאַרלז דאַרווין. ער דערקלערט, אַז דער מענטש קעמפט קעגן דער נאַטור. דער מענטש: „האָט אַ גרויסע קראַפט צוצופּאַסן זיינע געוווינהייטן צו נייע אומשטענדן פון לעבן. ער דערפינדט וואָפן, געצייג און פאַרשיידענע פּלענער צו פאַרשאַפן זיך שפּייז און צו פאַרטיידיקן זיך. ווען ער וואַנדערט אין אַ קעלטערן קלימאַט, באַנוצט ער קליידער, בויט זיך געצעלטן און מאַכט פייער; און מיט דער הילף פון פייער קאָכט ער פאַר זיך שפּייז, וועלכע טויגן אויף אַן אַנדערן אופן ניט צום עסן. ער העלפט זיינע מיט־מענטשן אויף פאַרשיידענע אופנים גרייט זיך צו אַנטקעגן דעם, וואָס וועט קומען שפּעטער".7)

פּ. צ. אַרמסטראָנג אין „דהי עקאָנאָמיקס אָוו מאָראַליטי" דערקלערט, אַז עטיק „קען סומירט ווערן אַלס לערע פון הייליקייט אויף די פּערזענלעכקייט פון לעבעדיקע וועזנס און די פולשטענדיקע פאַרברידערונג פון אַלע לעבעדיקע וועזנס".8)

י. מעססנער אין „סאָשל עטיקס" שרייבט: „דער מענטש איז פון דער נאַטור מער אַ געזעלשאַפטלעך וועזן ווי אַן אינדיווידועל וועזן".9)

ווען מען נעמט אין באַטראַכט: דאַרווינס, אַרמסטראָנגס און מעססנערס געדאַנקען אַלס באַזיס פאַר באַטראַכטונגען איז איצט מעגלעך צו פאַרשטיין דעם פענאָמענאַלן, היסטאָרישן, פּראָצעס פון עטישער באַוועגונג ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע. די עטישע שטרעמונגען האָבן באַזייטיקט אַלע פּאָליטישע און אידעישע אַנשויאונגען און קאָנסאָלידירט אַלע יידן אין איין נאַציאָנאַלער איינהייט.

רחל אויערבאַך שרייבט: „און עס האָבן אַלט און יונג פאַרייניקט זיך אין דמיון מיט דעם באַפרייאונגס־קאַמף פון די קדמונים. אַ טייל פון זיי מיט דער יידישער באַפרייאונג און דעם קאַמף וועגן אַן אייגן־לאַנד. אַנדערע מיט מענטש־לעכער דערלייזונג, וואָס דאַרפט קומען פאַר אַלע".10)

מאַרעק עדעלמאַן, דער באַצירקס־קאָמענדאַנט פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אויפן געביט פון די בערשטער שאָפּן אין וואַרשעווער געטאָ, דערקלערט: „נאָך קיינמאָל איז נאָך דאָכט זיך ניט געווען אַזאַ האַרמאָנישע און קאָאָרדינירטע צוזאַ־מענאַרבעט צווישן מענטשן פון פאַרשידענע פאַרטייען און פּאָליטישע גרופּירונגען ווי אין דעם דאָזיקן פּעריאָד. מיר זיינען אַלע געווען קעמפער פון איין גערעכטער זאַך — גלייכע פאַר דער געשיכטע און טויט".11)

דער צענטראַל־קאָמיטעט פון אונטערערדישן „בונד" אין פוילן האָט אין זיין באַריכט פון 22 יוני 1943 פאָלגנדעס געשריבן: „אַלע אָנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד זיינען געווען אידעישע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. עס האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע קאַמפס־ברודערשאַפט צווישן בונדיסטן, חלוצים, שומרים א.אַז.וו.".12)

בישט געקוקט דערויף, וואָס רעליגיעזע יידן זיינען באַהערשט פון אַטעיסטישן דעטערמיניזם, זיינען אין דער נאַצי־עפּאָכע אַלע פאַראורטיילן פאַרשווונדן.

ד״ר הלל זיידמאַן שרייבט מיטן גרעסטן יראת־הכבוד וועגן דער ראָלע פון די רבנים און ישיבה־בחורים אין ווידערשטאַנדס־קאַמף. צווישן אַנדערע גיט ער איבער אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד. „נאָך פאַרן אויפשטאַנד האָט הרב זעמעלמאַן אַריינגעשמוגלט געווער אין געטאָ; צוועלף רעוואָלווערן און עטלעכע שאַכטלען קוילן האָט ער איבערגעגעבן דעם אויפשטאַנד קאָמיטעט. ער האָט גערופן די רבנים, אַז זיי זאָלן משפיע זיין צום אויפשטאַנד״.13)

אין דעם קאָמפּלעקס פּראָבלעמען דאַרפט אויך באַטראַכט ווערן די ראָלע און מסירת נפש׳דיקייט פון יידישן קינד אין דער נאַצי־עפּאָכע. אין דער שטודיע פון פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן „די קאַטאַסטראָפאַלע צייטן און די וואַקסנדיקע דורות״, אין קאַפּיטל 7 „צו דער ספּעציעלער פּסיכאָלאָגיע פון פּאָגראָם יתומים״ שרייבט: „קינדער ווערן דורך זייערע אומנאָרמאַלע לעבנס־באַדינגונגען פּריצייטיק רייף און אויף דעם אופן קענען זיי נאָך מער ווי גרויסע באַווירקט ווערן פון די קאַטאַסטראָפאַלע געשעענישן״. „דאָס עמאָציאָנעלע לעבן ווערט ניט אָפּגעשטומפּט, נאָר באַקומט נייע, מער פּאַסנדע רעאַקציע פאָרמען. די קינדער טראָגן זייערע ליידן און שמערצן אין זיך, טיף אין דער נשמה באַגראָבן״.14)

פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן׳ס פּסיכאָלאָגישע פעסטשטעלונג קומט צום אויסדרוק אין דער נאַצי־עפּאָכע. פילצאָליקעביישפּילן און עפּיזאָדן זיינען דאָ אין לענא קיכלערעס בוך „מיינע קינדער״, אין נח גריס׳ס גביות־עדות זאַמלונג „קינדער מאַרטיראָלאָגיע״, אין יעקב פּאַט׳ס „הענעך״, אין יאָנאַס טורקאָוו׳ס „אַזוי איז עס געווען״, רבקה קוויאַטקאָווסקאַ „פון לאַגער צו לאַגער״, אין בערנאַרד גאָלדשטיין׳ס „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״ און אין אַ גאַנצע רייע אַנדערע ביכער פון דער חורבן ליטעראַטור.

אַ ליכטיקער שטראַל פון יידישן גייסט און עטיק איז די פענאָמענאַלע פּערזענלעכקייט פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום. אין שווידערלעכסטע און טראַגישסטע מאָמענטן האָט ער געפירט אַ וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט. אָרגאַניזירט און אָנגעפירט מיט אַ היסטאָרישן פאָרשונגס־אינסטיטוט, אָרגאַניזירט סיסטעמאַטישע „עונגי־שבת״. אַן אַנדערע גייסטיקע העראָישקייט איז דאָס אָנפירן, אומלעגאַל, אַ גאַנצע נעץ פון קינדער־גערטנער, פאָלקס־שולן, מיטל־שולן, פאַך־שולן און אַפילו אַן אומלעגאַלן אוניווערזיטעט. אויסער דעם אַ גאַנצע נעץ פון פאַרשידענע אומלעגאַלע שריפטן, ווי אויך פילצאָליקע קעגנזייטיקע הילפס־אינסטיטוציעס.

פונוואַנעט האָט זיך גענומען דער פיזישער כוח ביים אייראָפּעישן יידנטום צו אָרגאַניזירן און אַדורכפירן דעם גיגאַנטישן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אַ גאַנצע רייע ווידערשטאַנדן אין פאַרשידענע געטאָס?

דער ענטפער איז — דער גייסט האָט באַווירקט דעם פיזישן כוח.

וועגן דעם פּראָבלעם גיט פּראָפעסאָר ד״ר פישל שניאורסאָן אַ פּסיכאָלאָגישע פעסטשטעלונג אין זיין בראשור „מענטש־געזעלשאַפט״. ער שרייבט: „פיזישע קולטור איז אוממעגלעך אָן פּסיכישער קולטור. און נאָר ביידע צוזאַמען קענען אַרומנעמען די פּסיכאָ־פיזישע גאַנצקייט פון דער פּערזענלעכקייט. אַ חוץ מוסקולן

און סקלעט פאַרמאָגט דאָך דער מענטש אַ צענטראַלן נערוון־סיסטעם, ספּעציעל דעם מוח, וואָס איז אַזוי אָדער אַנדערש דער אָרגאַן פון פּסיכישן לעבן. יעדע שעפערישע גייסטיקייט קען זיך רעאַליזירן נאָר דורך דעם איינדרוקס און אויס־דרוקס־פעיִקייט פון דעם קערפּער און אָרגאַניש דורכגעדרונגען פון אַ פיין וויברירנדער אינערוואַציע. די שטילסטע רעגונג פון דער נשמה באַקומט דאָך תמיד זיין מאַטערישן קערפּער אויסדרוק, און די קלענסטע באַוועגונג פון קערפּער געפינט איר אָפּקלאַנג אין נשמה לעבן. אמתע פיזישע קולטור איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט ריכטיקער פּסיכישער קולטור, ווי קערפּער און גייסט זיינען אָרגאַניש פאַרייניקט אין שעפע־רישער אור־גאַנצקייט״.15)

א. גאַלאָמב מאַכט אַן אַנאַליז וועגן די יידן אין די געטאָס און ער דערקלערט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די אייראָפּעישע יידן זיינען געווען אין פיזישער קנעכטשאַפט, דאָך זיינען זיי געווען פריי אין גייסט. ער שרייבט: „זאָלן געגריסט זיין אונדזערע יידן אין די געטאָס. זאָל געבענטשט זיין דער יידישער מוט און כוח צום לעבן, צו שאַפן און צו בויען. בעסער צו זיין פרייע אין קנעכטשאַפט איידער קנעכט אין פרייהייט״.16)

פונוואַנעט האָט זיך גענומען די גייסטיקע רעזערוון ביים אייראָפּעישן יידנטום צו באַזיגן אַלע נסיונות און אָפּצוהיטן די יידישע עטישע פּרינציפּן?

אַן ענטפער אויף דער פראַגע קען מען געפינען אין אַ גאַנצער רייע ווערק.

עס וועט דעריבער גענוג זיין צו ציטירן חיים נחמן ביאַליק׳ס פּאָעמע „אם יש את נפשך לדעת״, פּראָפעסאָר שמעון דובנאָוו׳ס „וועלט געשיכטע פון יידישן פאָלק״, אבא גאָרדין׳ס „מאָראַל אין יידישן לעבן״ און משה מאַנדעלמאַן׳ס בראשור „קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון״.

פראַגמענט פון חיים נחמן ביאַליק׳ס פּאָעמע „אם יש את נפשך לדעת״ אין י. י. שוואַרץ׳ס יידישער איבערזעצונג:

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל . . .

אויב דיין נשמה וויל דערגיין דעם קוואַל, פון וועלכן
עס האָבן דיינע ברידער די פאַרפייניקטע געשעפּט
דורך גיהנום פלאַמען, צווישן שלענג, מאַרטירערשאַפט —
גאָטס טרייסט, בטחון, העלדישקייט און מוטיקייט,
די קראַפט די אייזערנע די ליידן אויסצושטיין,
דעם שולטער אָט דאָס מיאוסע לעבן צו פאַרטראָגן, ליידן
אָן סוף, אָן גרענעץ, אָן אַ ברעג.

אוי ברודער דו געפייניקטער! אויב ווייסטו ניט פון דעם אַלעם
אין בית־המדרש קום, אין אַלטן און פאַרעלטערטן
אין לאַנגע טבת־נעכט,
אין זוניקע און ברענענדיקע תמוז־טעג
פרימאָרגנס, צי ביי טאָג, צי שפּעט אין נאַכט״.17)

פראָפעסאָר שמעון דובנאָוו אין זיין דייטשער אויסגאַבע: „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק״, באַנד 3, פּאַראַגראַף 54, דערקלערט: „דורך ביישפּיללאָזער רעליגיעזער צוכט האָט דער תלמוד פאַרהאַרטעוועט דעם גייסט פון דער נאַציע און געגעבן איר די קראַפט אַזעלכע דערשיטערונגען בייצושטיין, וואָס אַנדערע פעלקער האָט דאָס געקאָסט דאָס לעבן״.18)

אבא גאָרדין אין זיין בוך: „מאָראַל אין יידישן לעבן״ שרייבט: „מיר יידן, זענען געווינט געווען צו צרות. מיר, יידן, זענען אויסגעפּרובירט געוואָרן אין פּורעניות און אַנשיקענישן. אונזער סימבאָל איז דער סנה, וועלכער ברענט און ווערט ניט פאַרברענט. מ׳האָט אונדז געוואָרפן אין די טיפסטע אומרעכט וואַסערן, געשליידערט אין די מים הזידונים, אין קעסלגריבער פון נגישות און דערנידערונגען, מיר זיינען ניט דערטונקען געוואָרן. מיר האָבן געראַטעוועט אונדזער עקשנות, אויפבאַוואָרנט אונדזער בטחון, אויפגעהיט אונדזער גלויבן אין יושר. מיר האָבן פעסטגעהאַלטן אונדזער זיכערקייט, אַז מיר זיינען גערעכט, און מער, אַז אונדזער גערעכטיקייט וועט מוזן אויפגיין און אונדזער פולע אויסלייזונג וועט, סוף כל סוף, אויפשיינען״.19)

דאָס זעלבע פּראָבלעם ווערט באַרירט דורך משה מאַנדעלמאַן אין זיין בראָשור „קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון!״. ער דערקלערט: „די העלדן פון דער וואַרשעווער און אַנדערע געטאָס האָבן מאָראַליש באַזיגט דעם מעכטיקסטן פיינט! ס׳איז געווען די ערשטע און מיאוסטע מפּלה, וואָס היטלעריזם און נאַציזם האָבן געליטן פון יידן. יידישע מאָראַל, יידישער גייסט האָט מנצח געווען״. „דער אור־אור־אַלטער קידוש־השם, די פעאיקייט און איינצושטעלן זיך, מקריב צו זיין זיך פאַר הייליקייטן, פאַר אידעאַלן, וואָס מיר קענען אַזוי גוט פון אונדזער מאַרטירער־געשיכטע האָט אויך אין אונדזער צייט זיך אַרויסגעוויזן פאַר דעם שטאַרקסטן שוץ־פּאַנצער פאַר דער נשמה פון יידישן פאָלק״.20)

די יידישע אמונה, דער יידישער גלויבן, די יידישע טראַדיציע, די יידישע מאָראַל, דער יידישער וויסן, דאָס זיינען געווען די גייסטיקע זוימען, וואָס האָבן געגעבן דאָס אייראָפּעישע יידנטום: כוח, קראַפט, מוט און האָפענונג צו באַזיגן אַלע נסיונות און צו באַלייגן אַ היסטאָרישן עקזאַמען פון יידישער קאָנסעקווענטער עטיק אין דער נאַצי־עפּאָכע.

דער באַגריף געטאָ אין דער נאַצי־עפּאָכע

דער אויסדרוק געטאָ שטאַמט פון איטאַליע. אין יאָר 1516 איז דער דאָזיקער באַגריף, צום ערשטן מאָל, באַנוצט געוואָרן דורכן סענאַט אין ווענעדיק.21)

אין מעהערס קאָנווערסאַציע לעקסיקאָן ווערט דער אויסדרוק דערקלערט אויף פאָלגנדן אופן: „געטאָ״ וואַרשיינלעך פון תלמוד, „גט״, אָפּזונדערונג, יידן־קוואַרטאַל. אין איטאַליע און אין אָריענטאַלישע שטעט זיינען פאַר יידן געווען אָנגעוויזן גאַסן צום וווינען, ווו אין אָוונט האָבן זיי זיך אָפּגעשלאָסן, אָדער זיינען אָפּגעשלאָסן געוואָרן. דאָס באַרימטע געטאָ אין רוים האָט איינגעפירט דער פּויפּסט פּאַאַיל דער פערטער.22)

פראָפעסאָר שמעון דובנאָוו דערקלערט: „געטאָ איז אַ וואָרט פון אומבאַקאַנטן אָפּשטאַם, וואָס איז שפּעטער געוואָרן באַנוצט צו באַצייכענען די איינגעשלאָסענע יידישע קוואַרטאַלן".23)

אין דער ענגלישער, פונק און וואַגנאַל, אויסגאַבן פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע איז באַצייכנט: „געטאָ — אַ גאַס אָדער אַ פערטל, אין וועלכן די יידן זיינען געצוואונגען צו וווינען, וואָס דער אַריינגאַנג ווערט יעדן אָוונט אָפּגעשלאָסן".24)

אין דער נייעסטער ענגלישער אויסגאַבע פון דער אוניווערסאַלער יידישער ענציקלאָפּעדיע ווערט דער אויסדרוק געטאָ באַצייכנט אין פאָלגנדע ווערטער: „געטאָ איז אַ שטח, וואָס איז רעזערווירטט פאַר יידן און איז באַגרענעצט לויטן געזעץ".25)

די אַלע ציטירטע דעפיניציעס קענען נאָר זיין אָנווענדבאַר פאַר דער צייט פון מיטלאַלטער ווען דער ציל פון איינפירן געטאָס איז געווען אַ רעזולטאַט פון אומטאָלעראַנץ צו יידן, רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען,ווירטשאַפטלעכע דיסקרימינאַציעס און אויך פאַר ספּעציעלע שטייער אויספּרעסונגען.

אין דער צייט פון דער נאַצי־עפּאָכע זיינען די צילן פון דער היטלער־מאַכט געווען אַן אַלגעמיינע פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום און דאָס איינפירן די געטאָס איז געווען דער יסוד פון אַדורכפירן פאַרפאָלגונגען, דיסקרימינאַציעס, פייניקונגען, טעראָר, אינדיווידועלע און מאַסן־מאָרדן. צוליב דעם אַנטשפּרעכן נישט די אָנגעגעבענע דעפיניציעס פאַר דעם באַגריף געטאָ אין דער נאַצי־עפּאָכע.

דעפיניציע פאַרן באַגריף געטאָ אין דער נאַצי־עפּאָכע

געטאָ איז אַן איזאָלירט געביט, אַרומגעמויערט מיט מויערן, אָדער אַרומגעצוימט מיט שטעכיקע דראָטן, אין וועלכן יידן ווערן געצוואונגען, אונטער דער דראָונג פון טויט־שטראָף צו וווינען, דערביי אונטערליגן זיי נישט קיין שום שוץ־געזעצ־געבונג. דער יידישער ציבור ווערט געצוואונגען צו טראָגן אַ שאַנד־צייכן, ווערט באַרויבט פון זיין פּערזענלעכער פרייהייט, איזאָלירט פון דער געגעבענער לאַנדעס־באַפעלקערונג און פון דער אויסערלעכער וועלט, פולשטענדיק אַרויסגעשטויסן און אויסגעשלאָסן פון ווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן. דער יידישער כלל ווערט באַרויבט פון זיין מאַטעריעלן, פּריוואַטן און געזעלשאַפט־לעכן באַזיץ. ווערט דעגראַדירט מאָראַליש און גייסטיק אַלס מינדערווערטיק וועזן, וואָס קען אומבאַשטראָפט דערמאָרדעט ווערן, ווערט אויסגענוצט אַלס אומזיסטע אַרבעטס־קראַפט, ווערט פאַראורטיילט צום פיזישן אונטערגאַנג דורך: שווערער שקלאַפישער אַרבעט, הונגער, קעלט, קראַנקהייטן און לסוף אויסגעמאָרדעט דורך אינדיווידועלע און מאַסן דערשיסונגען, שרפות, פאַרגאַזונגען און פאַרברענונגען אין קרעמאַטאָריום'ס.

פאַרמען פון אומקום

די נאַצי־מאַכט האָט אַרויסגעגעבן אַ גענעראַלן טויט־אורטייל איבערן אייראָ־פּעישן יידנטום. זי האָט דאָס אַדורכגעפירט דורך פאַרשיידענע מיטלען און געקומען

צום אויסדרוק אין צווי צייט־אָפשניטן: 1) פאַרפאָלגונגס־עפּאָכע; 2) פאַרניכ־טונגס־עפּאָכע.

פאַרפאָלגונגס־עפּאָכע

די פאַרפאָלגונגס־עפּאָכע נעמט אַרום די צייט פון אריינמאַרש פון דער נאַצי־מאַכט אין די אייראָפּעישע לענדער, פון סעפּטעמבער 1939, ביז צו די מאַסן־שחיטות אין פרילינג 1942.

אין דער פאַרפאָלגונגס־עפּאָכע האָבן די נאַציס אַרויסגעשטויסן דאָס אייראָ־פּעישע יידנטום פוןווירטשאַפטלעכן, געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און פּאָליטישן לעבן, געצוווּנגען טראָגן שאַנד־צייכנס, איזאָלירט די יידן אין הערמעטיש פאַר־מאַכטע געטאָס, געצווּנגען אויסצופירן אומבאַלוינטע צוואַנגס־אַרבעט, אָדורכגעפירט טעראָר־אַקטן, אינדיווידועלע און מאַסן דערשיסונגען, אַרעסטירט און דערשאָסן געזעלשאַפטלעכע טוער. פאַראורזאַכט אַ מאַסן שטערבלעכקייט ביי יידן דורך הונגער, קעלט, שווערע שקלאַפישע אַרבעט און עפּידעמישע קראַנקהייטן. דאָס אַלץ האָט ביי די נאַציס געהייסן דער מינימום פּראָגראַם אין דער אויסראָטונגס־מלחמה קעגן יידן.

פאַרניכטונגס־עפּאָכע

די פאַרניכטונגס־עפּאָכע איז דורך דעם נאַצי־גדול היידריך אָנגערופן געוואָרן ענדציל. דאָס איז די צייט פון דער צווייטער העלפט פון יאָר 1942 און האָט געדויערט ביז צום ענטגילטיקן פאַלן פון דער היטלער־מאַכט אין דער ערשטער דעקאַדע פון חודש מאַי 1945.

אין דער פאַרניכטונגס־עפּאָכע זיינען פאָרגעקומען די גרויזאַמסטע און באַר־באַרישסטע מאַסן אויסמאָרדונגען פון אייראָפּעישן יידנטום דורך גאַז־אויוונס, קרע־מאַטאָריום׳ס און מאַסן עקזעקוציעס דורך הענגען, דערשיסונגען און פאַרפּיי־ניקונגען.

דאָס יידישע פאָלק איז דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון עטיק און מאָראַל, דעריבער האָט עס נישט געקענט גלויבן אין דער מעגלעכקייט פון אַזעלכע אכזריות־דיקייטן פון דער נאַצי־מאַכט. די רעליגיעזע יידן האָבן געלעבט מיט בטחון ביז צו דער לעצטער מינוט, ווען די גרויל־טאַטן זענען געוואָרן אַ פאַקט, דערביי געגלויבט אין אַ נס מן השמים. די נאַציאָנאַלע גרופּירונגען אין יידישן פאָלק האָבן געגלויבט אין „וועלט־געוויסן״. די סאָציאַליסטישע און לינק געשטימטע קרייזן האָבן געגלויבט אין אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט. ווען אַלע האָפענונגען זיינען צערונען געוואָרן איז פאָרגעקומען אַ גייסטיקע איבערגעשטאַלטונג אין יידישן לעבן, וואָס האָט קאָנסאָלידירט אַלע שטרעמונגען און געבערענגט צום אויסדרוק: יידישן קאַמף, יידישן פיזישן כוח, יידישע גבורה און יידישן העראָיזם. עס איז געקומען צום אויסדרוק ר׳ הלל׳ס פילאָזאָפישער געדאַנק „אם אין אני לי, מי לי, וכשאני לעצמי מה אני, ואם לא עכשיו אימתי״. 26)

די גייסטיקע איבערגעשטאַלטונג און פיזישער איבעראָריענטירונג

אין ליכט פון פאַקטן און עפּיזאָדן פון דער חורבן ליטעראַטור

אין ד״ר הלל זיידמאַן׳ס בוך: „טאָג־בוך פון וואַרשעווער־געטאָ״ איז דער־קלערט, אַז אַ מחנה יידן זיינען געפירט געוואָרן צום אומשלאַגס־פּלאַץ דעפּאָרטירט צו ווערן צום אומקום קיין טרעבלינקע. אויפן וועג האָבן די באַוואַכער געהייסן די יידן זיך אַוועקזעצן אויף דער גאַס בכדי זיי צו באַרויבן. צווישן דער מחנה איז געווען אַן אַלטער ייד מיט אַ שניי־ווייסער באָרד מיט אַן אויסזען ווי אליהו הנביא. אָט דער ייד, וועמענס שעה׳ן עס זיינען געווען געציילטע צו טיילן דעם פאַלקס־גורל פון אומקום אין טרעבלינקע, האָט זיך אַרומגעקוקט איבער די פאַרטרויערטע יידישע פּנימער, וואָס אַ טייל האָט אויסגעדריקט האַס, צאָרן, פאַרביטערונג און ביי אַ טייל אַפּאַטיע און רעזיגנאַציע, האָט אויסגערופן: „יידן זייט נישט צוטראָגן! וואָס זיצט איר אַזוי? נאָר נישט אין עצבות חס ושלום. זעט איר דען נישט ווי מיר גייען אַנטקעגן משיחן״. 27)

אפרים קראַוטשינסקי גיט איבער אין זיין גבית־עדות „שחיטות אין קאָבלינקי״, פאַרגעקומען דעם 27־טן יוני 1941 פאָלגנדעס: „אויף מאָרגן אינדערפרי האָט מען גערופן דעם רב פון שטעטל, הירש מאַקאָווסקי, ער זאָל פאַרברענען די ספר־תורות. ער האָט געזאָגט: איר קענט מיך פאַרברענען, אָבער איך וויל דאָס נישט טאָן״. ווען מען האָט דעם רב געפירט מיט אַ גרופּע יידן צום עקזעקוציע־פּלאַץ האָט דער רב אויסגערופן: „ס׳וועט זיין גוט יידן, זאָגט שמע ישראל״. 28)

אין בוך „ווירקלעכקייט״ ווערט איבערגעגעבן פאָלגנדער עפּיזאָד: „דער טלושטשער רב ר׳ יוסף בריקמאַן האָט אין יאַדאָווער געטאָ נישט אויסגעפירט דעם ציניש באַפעל פון יידן־מערדער ליפּשער אויסצוגראָבן אַ גרוב פאַר זיך אַליין און ווען מען האָט צו אים געשאָסן האָט ער אויסגערופן: שמע ישראל, תמחה את זכר עמלק, נקמה, נקמה״. 29)

דאָס איז אַן עפּיזאָד פון אַן אַלטן גאָטספאָרכטיקן ייד, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געלעבט אין רעליגיעזער קדושה. אַ געשיכטע אַ טראַגישע און אויך אַ הערא‌ָישע וועגן גורל פון צוויי און אַכציק־יאָריקן וואַרשעווער רב, פריער בלאַשקער רב, הרב יצחק קאַנאַל, געוועזענער וויצע־פּאָרזיצער פון אגודת הרבנים אין פּוילן. ער האָט דערקלערט פאַר זיין פריינד ר׳ זישע פרידמאַן: „איך וועל מיך נישט לאָזן אַוועקפירן. זאָל געשען וואָס עס וויל, אָבער דאָ אויפן אָרט. קומען צו קבר ישראל...״. צומאָרגנס איז הרב קאַנאַל געכאַפּט געוואָרן צום אומשלאַג־פּלאַץ. פאַרנאַכט איז אָנגעקומען אַ ידיעה צום יודענראַט אַרויסצושיקן די עגלה נאָכן טויטן קערפּער פון הרב יצחק קאַנאַל, וועלכער איז דערשאָסן געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ״. ווי ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט. געפּרוווט אַרויסרייסן דעם רעוואָלווער ביים דייטשן זעלנער, וועלכער האָט אים באַוואַכט. נאַטירלעך, איז ער דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט. דערגרייכט זיינס: נישט געלאָזט זיך פרייוויליק דעפּאָרטירן און געקומען צו קבר־ישראל. 30)

שאול קאַפּלאַן דערציילט אין זיין גבית־עדות: „דער זשאַנדאַרמעריע מייסטער איז איינמאָל געפאָרן דורכן וואַלד אין דער באַגלייטונג פון נאָך זשאַנדאַרן. אויפן

וועג איז געגאַנגען אַ בחור. זיי האָבן אים אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן דאָקו־מענטן, ער האָט דאָן, ווי וועלנדיק ווייזן זיינע דאָקומענטן, אַ צי געטון פון בוזעם קעשענע אַ רעוואָלווער און דערשאָסן דעם מייסטער. נאָכדעם האָט מען געפונען אין וואַלד אַ דערשאָסענעם דעם שיסער, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַרן ראַדזינער ישיבה בחור, שמעון בריסקער״. 31)

די ציטירטע פאַקטן און עפּיזאָדן כאַראַקטעריזירן די גייסטיקע איבערגעשטאַל־טונג און פיזישער איבעראַריענטירונג אינעם יידישן לעבן ביי רעליגיעזע יידן, וואָס קומט צוערשט צום אויסדרוק אין אַ פּאַסיווע פאָרם, טעאיסטישע דעטערמינאַציע, און אַנטוויקלט זיך שנעל אין אַן אַקטיוון ווידערשטאַנד און אַקטיוון באַוואָפנטן קאַמף.

אויב ביי די רעליגיעזע יידן איז פאָרגעקומען אַזאַ שנעלע גייסטיקע און פיזישע איבערגעשטאַלטונג איז ביי די אַנדערע שיכטן פון פאָלק פאָרגעקומען נאָך אַ שנעלערע איבעראַריענטירונג אין דער סיטואַציע, וואָס האָט אָפּגעווישט אַלע שפּורן פון פאַרטיי דיפערענצירונגען און אַלעמען פאַרייניקט אין אַ פאָלקס איינהייט אין דער צייט פון דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע אין דער נאַצי־עפּאָכע. דער געדאַנק קומט בולט צום אויסדרוק אין דער גאַנצער חורבן ליטעראַטור און אין די ציטאַטן פון רחל אויערבאַך, מאַרעק עדעלמאַן און פון צענטראַל קאָמיטעט פון „בונד״, וואָס זיינען ציטירט אין ערשטן קאַפּיטל פון דער אַרבעט. אייגנאַרטיק איז די פעסטשטעלונג אין בוך „אין די יאָרן פון יידישן חורבן״: „אַלע אַנטיילנעמער אינעם אויפשטאַנד זענען געווען אידעישע מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. עס האָט געהערשט אַ מוסטערהאַפטע קאַמפס־ברודערשאַפט״. 32)

אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק זיינען באַקאַנט צוויי פאָרמען פון קדושה: דער אומקום פאַר קדוש השם און דער אומקום פאַר קדוש העם. רעליגיעזע קדושה און נאַציאָנאַלע קדושה.

די געטאָס אין דער נאַצי עפּאָכע זיינען אַן אוניקום אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, דעריבער זיינען אַנטשטאַנען ספּעציפישע צייט־באַדינגונגען און מען קען נישט פאַראַלגעמיינערן דעם אומקום פון אַלע יידן אין די צוויי פאָרמען פון קדושה. דער אומקום פון די יידן אין די געטאָס זיינען פאָרגעקומען ביי פאַרשיידענע באַדינגונגען, דעריבער קומען צום אויסדרוק פאַרשיידענע פאָרמען פון קדושה.

וואָס איז אַזוינס קדושה?

דער אויסדרוק קדושה באַדייט — הייליקייט.

דער אויסדרוק קדושה האָט אין לויף פון דער געשיכטע געדינט צו באַצייכענען דאָס אַלמעכטיקסטע, פערפעקטעס, מאָראַלישעס, זיטליכעס, עטישעס נישט נאָר אין באַצוג צו די הימלישע ספערן, נאָר אויך פאַרן עולם התחתון, וואָס דינט פאַר די צוועקן און צילן.

קדושה דריקט זיך אויס אין צוויי אַלגעמיינע אייגנשאַפטן:

1) אַ מעטאַפיזישע, וואָס איר באַגריף איז אויסער מענטשלעכע באַטראַכטונגס־מעגלעכקייטן, וואָס קענען נישט אידענטיפיצירט ווערן מיט מענטשלעכע חושים

ווי צום ביישפּיל ישיה הנביא'ס דערקלערונג וועגן גאָט: קדש, קדש, קדש. 33) און
2) אַ פיזישער באַגריף, וואָס קען גענוי אויסגעפאָרשט ווערן מיט מענטשלעכע באַטראַכטונגס־מעגלעכקייטן, דאָס הייסט, מיט די חושים.

דער אויסדרוק קדושה איז ברייט פאַרשפּרייט ביים יידישן פאָלק צו באַצייכענען סימבאָלן, וואָס דאַרפן דינען אַלס אידעאַל, מוסטער, וועג־ווייזער, באַלערנער, ווי אויך לעבעדיקע און נישט לעבעדיקע וועזנס, קעגנשטאַנדן, אין אוניווערס. צום ביישפּיל: הייליקער נאָמען, הייליקע תורה, הייליקע שריפט, כלי־קדש, תשמישי קדש, הייליק לאַנד, הייליקע שטאָט, הייליק פאָלק, הייליקער שבת, הייליקער רבי, הייליקער אָנדענק, הייליקע נאָכן טויט א.אַ.וו.

דער אויסדרוק קדושה באַציט זיך נישט בלויז צו רעליגיעזע מאַרטירער, פּאַסיווער פאָרם פון קאַמף, נאָר אויך צו העלדן פון אַקטיוון קאַמף, וואָס האָבן אויסגעשמידט נייע סימבאָלן ווי צום ביישפּיל: הייליקע פאָן, הייליקע אידעע, הייליקער קאַמף, הייליקע מלחמה און ענלעכע באַגריפן.

אין אַן אַלגעמיינער פאָרם קען מען, דעריבער, דעפינירן דעם באַגריף קדושה אויף פאָלגנדן אופן: פּריוויליקע אָפּפערונג פון אַ יחיד, אָדער אַ כלל פאַר מעטאַ־פיזישע, (אַלמענטשלעכע) אינטערנאַציאָנאַלע, נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע אידעאַלן, וואָס שטיצן זיך אויף מאָראַלישע, עטישע און זיטלעכע יסודות.

פאָרמען פון קדושה

די פאָרמען פון קדושה דאַרפן איינגעטיילט ווערן אויף:

1) רעליגיעזע קדושה.
2) נאַציאָנאַלע קדושה:

א) פּאַסיווע,
ב) אַקטיווע, און
ג) סופּערלאַטיווע.

3) מעטאַפיזישע קדושה.
4) אוניווערסאַלע קדושה.

רעליגיעזע קדושה שליסט זיך איין אין באַגריף נאַציאָנאַלע קדושה. אין יעדן פאַל ווען עס איז רעליגיעזע קדושה, איז דאָס גלייכצייטיק פאַרבונדן מיט די פּונקטן א, ב, ג פון באַגריף נאַציאָנאַלע קדושה. בכדי קלאָרער צו מאַכן דאָס פּראָבלעם איז נויטיק צו ברענגען אַ דעפיניציע וועגן באַגריף נאַציע.

נאַציע איז אַ גרופּע מענטשן מיט אַן אייגענער שפּראַך, רעליגיע, געשיכטע, קולטור, טראַדיציע, יום־טובים, ספּעציפישע טראַכט, אייגנאַרטיקע פּראָדוקציע, זיטן, מנהגים, עטיק א.אַ.וו.

אַלע פאָרמען פון קדושה באַזירן זיך אויף צוויי הויפּט יסודות פון קדושה:

1) גייסטיקע קדושה, און
2) פיזישע קדושה.

דער באַגריף גייסטיקע קדושה דאַרף פאַרשטאַנען ווערן:
דער אומקום פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע צוליב רעליגיעזע, עטישע, מאָראַלישע פּראָבלעמען און אידעישע אַנשויאונגען.

דער באַגריף פיזישע קדושה דאַרפט פאַרשטאַנען ווערן:
דער אומקום פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע אין אַקטיוון פיזישן קאַמף.
איןביידע פאַלן: סיי די קרבנות פון גייסטיקער קדושה און סיי די קרבנות פון פיזישער קדושה זיינען נאַציאָנאַלע העלדן.

אַנאַליזירונג פון די פאָרמען פון קדושה

בכדי צו אַנאַליזירן די פאָרמען פון קדושה וועלן געברענגט ווערן אַנטשפּרעכנדע ציטאַטן פון דער חורבן ליטעראַטור.

ר ע ל י ג י ע ז ע   ק ד ו ש ה

דער אומקום פון ר׳ הלל צייטלין

די נאַצי מערדער זיינען געקומען צו ר׳ הלל צייטלין אים נעמען צום אומשלאַגס־פּלאַץ. ר׳ הלל צייטלין האָט אָנגעטאָן זיין טלית און תפילין און גענומען אַ זוהר אונטערן אָרעם און איז געגאַנגען.

ד״ר הלל זיידמאַן באַשרייבט דעם עפּיזאָד אין פאָלגנדע ווערטער:
„ — אַ מערקווירדיקער גאַנג איז דאָס געווען, מיט שטאַרקע טריט האָט ער געשפּרייזט צווישן דער מחנה אומגליקלעכע. זיין פּאַטריאַרכאַלישע געשטאַלט, זיינע פינקלענדיקע אויגן און זיין גיין האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה. אַפילו די רוצחישע אוקראַינישע מיליציאַנטן זיינען געוואָרן באַאיינדרוקט: זיי האָבן אים נישט געטריבן ברוטאַל, געלאָזט אים אין רו. און ער האָט געשפּרייזט פאַרטראַכט, זיינע ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט זיך באַוועגן און זיינע אויגן זיינען געוואָרן פאַרקוקט ערגעץ וויט, וויט״. 34)

דער אומקום פון ר׳ משה קליינמאַן

ר׳ משה קליינמאַן, אַ זקן פון קרוב 80 יאָר, איז געווען באַהאַלטן אין אַ בונקער אויף בערקאַ־יאָסעלעוויטשאַ גאַס נומער 15 אין טשענסטאָכאָוו. דריי טעג נאָך סכות (1942), איז ער אַליין אַרויסגעקומען פון זיין באַהעלטעניש, אָנגעטאָן אין קיטל, טלית און תפילין. ער האָט זיך געווענדעט צו די ס.ס.־לייט, וואָס זיינען געשטאַנען נעבן הויז, מיט פאָלגנדע ווערטער: „ — איך האָב שוין מיין געבעט געמאַכט. איך בין גרייט. איר קענט מיך דערשיסן״. דער זקן ר׳ משה קליינמאַן איז דערשאָסן און באַערדיקט געוואָרן אויף דער קאָוויע גאַס. 35)

אין „פנקס מלאווע״ געפינט זיך פאָלגנדער עפּיזאָד: „דער רב האָט זיך דער־וואָרבן אַ סך ליבשאַפט און פאַרטרויען פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. נאָך מער האָט זיך אַרויסגעוויזן זיין גרויסקייט און ווערט, זיין צוגעבונדנקייט און ליבע פאַר זיין עדה בשעת דער לעצטער אויסראָטונגס־מלחמה. ווען מען האָט די יידן דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעטריבן פון שטאָט, האָבן זיי געוואָלט אַפּראַטעווען דאָס לעבן פון רב. דער אַלטער מלאווער רב האָט אָבער נישט געזוכט קיין וועגן, ווי אַזוי צו ראַטעווען זיין לעבן אין דער צייט, ווען די גאַנצע עדה איז אין סכנה״. „קאַלט און אכזריותדיק קומט דער באַפעל: אַרויף אויף די מאַשינעס! דער ערשטער זיצט אויף דער רב. די נאָענטע העלפן אים אונטער. ער איז גרייט מקדש השם זיין״. „צוזאַמען מיט זיינע יידן איז ער אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט און אויסגעהויכט זיין הייליקע נשמה אין גלות לובלין. ער איז געזעסן 49 יאָר אויף דעם כסא הרבנות אין מלאווע״. 36)

רעליגיעזע קדושה איז — פּריוויליקע אָפּפערונג פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע פאַר רעליגיעזע אַנשויאונגען.

נאַציאָנאַלע קדושה — א. פּאַסיווע פאָרם

די פּאַסיווע פאָרם פון נאַציאָנאַלער קדושה אין דער נאַצי־עפּאָכע איז אַ רעזול־טאַט פון אַ פיזישן און גייסטיקן געראַנגל, וואָס דאָס יידנטום האָט אַדורכגעמאַכט אין די געטאָס.

בערנאַרד גאָלדשטיין באַשרייבט די דעפּאָרטאַציע פון די אַרעסטירטע יידן אין דער וואַרשעווער געגנשער תפיסה. „באַוואָפנטע דייטשן, אוקראַינער, לעטן, איינע מיט די ביקסן אויסגעשטעלט צו דער זייט פון דער גאַס, אַנדערע — אין דער ריכטונג פון שפּאַלער... המונים מענטשן פוןביידע זייטן, אויסגעדאַרטע, מיט געלע פּנימער, מיט שמאַטעס אַנשטאָט קליידער, באָרוועסע און אין צעריסענע שיך, אויגן גלאַנצן פון פיבער, מורא שגעון: אַ געוויין, אַ שלוכצן, אַ טיפער יסורים־קרעכץ אין דער לופטן. 37)

יוסף גאר שרייבט וועגן 50 קרבנות פון קאָוונער געטאָ, וואָס זיינען דעם 4־טן פעברואַר 1943 אויף שליטנס אַוועקגעפירט געוואָרן צום ניינטן פאָרט צום אומקום. „דער צוג פון די שליטנס, אין וועלכע ס׳זיינען געזעסן די צום טויט פאַראורטיילטע, האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ לויה פון לעבעדיקע מתים, וועלכע ווייסן גאַנץ גוט, וואָס ס׳דערוואַרט זיי אין אַ פאַר שעה אַרום אויפן 9־טן פאָרט... אויסגע־שעפּטע פיזיש און גייסטיק פון די שווידערלעכע איבערלעבונגען, זיך גרייטנדיק במחשבה צו דער באַפאַרשטייענדער עקזעקוציע, האָבן זיי מיט זייערע רעזיגנירטע בליקן צום לעצטן מאָל אין זייער לעבן אַנגעקוקט דאָס געטאָ״. 38)

אין „אונדזער יאָרצייט״ געפינט זיך פאָלגנדער פּאַראַגראַף: „די רעליגיעזע יידן, זקנים, אַלטע פרויען און קינדער זיינען פאַרשניטן געוואָרן פון דער וועלט מיט דעם פולן באַוואוסטזיין, אַז זיי קומען אום על קידוש השם ועל קידוש העם״. 39)

אונטערן באַגריף נאַציאָנאַלע קדושה (א. פּאַסיווע פאָרם) דאַרפט פאַרשטאַנען ווערן, אַז אַלע יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער נאַצי־עפּאָכע דורך פאַרשיידענע פאָרמען: סיי פון הונגער, קעלט, פיזישע ערשעפּונג (צוואַנגס־אַרבעט), עפּידעמישע קראַנקהייטן, סיי דורך דערשיסונגען, פאַרברענונגען אויף שייטערהויפנס און אין בתי־תפילות, סיי דורך פאַרגאַזונגען אין די גאַז־אויטאָס און גאַז־קאַמערן און פאַר־ברענונגען אין קרעמאַטאָריעס.

נאַציאָנאַלע קדושה (א. פּאַסיווע פאָרם) איז — דער אומקום פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע צוליב דער אנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און צו דער יידישער אמונה.

נאַציאָנאַלע קדושה — ב. אַקטיווע פאָרם

יעקב פּאַט אין זיין בוך „הענעך" גיט איבער אַ מערקווירדיקן עפּיזאָד. אַן עפּיזאָד פון אַ פאָלקס־מענטש אין וואַרשעווער געטאָ. דאָס איז שאַיע דאַראָזשקאָזש פון דער גזשיבאָווסקע גאַס. אַ געטאָ־פּאָליציאַנט האָט אים געכאַפּט און וויל אים מיט כוח אַוועקפירן צום אומשלאַג־פּלאַץ, דאָס הייסט צום אומקום קיין טרעבלינקע. שאַיע דאַראָזשקאָזש שטעלט זיך אַנטקעגן. ער לאָזט זיך נישט פירן, ער וויל נישט גיין. עס קומט פאָר אַ שאַרפער ווערטער אויסטויש, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געשלעג. דער פּאָליציאַנט שלאָגט שאַיען מיט אַ גומענעם שטעקן און שאַיע קען אים נישט באַזיגן מיט די ליידיקע הענט, דעריבער רייסט ער אַרויס אַ דראָנג פון אַ פּאַרקן און שלאָגט צוריק. עס ווערט אַ טומל און אַ געשריי. יעקב פּאַט שרייבט ווערטלעך: „אויפן געשריי זיינען אָנגעלאָפן ליטווישע רוצחים. שאַיע האָט מיטן דראָנג אין האַנט, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן פון קעגנאיבערדיקן פּאַרקן, זיך געוואָרפן אויף זיי — ער האָט געברענט שאַיע גבור, ער האָט „געטשמיעלעט" די ליטווינער מיטן דראָנג ביז אַ קויל האָט אים אַוועקגעלייגט. ער איז געפאַלן ווי אַ פלאַכטע און געוואָרן באַגאָסן מיט בלוט". 40)

אין בוך „מיר ווילן לעבן" איז געשריבן, אַז אין אויגוסט 1941 ווען עס איז פאָרגעקומען די „אויסזידלונג" פון דווינסקער געטאָ האָבן אַ גרופּע יידן: „אַפילו שוין פאַרוואונדעטע און אָפּגעגאָסענע מיט בלוט ,האָבן זיך געוואָרפן אויף די מערדער מיט הוילע הענט און מיט שטיינער און געקעמפט ביזן לעצטן אָטעם־צוג. דאָס זיינען געווען קרעפטיקע, העלדישע יידן, און איבער אַ פּאָר צענטליק פון די רוצחים האָבן זיי פאַרוואונדעט און עטלעכע פון זיי אויך דערוואָרגן און מיטגעשלעפּט אין גרוב אַריין". 41)

אין בוך „חורבן טשענסטאָכאָוו" געפינט זיך פאָלגנדער עפּיזאָד: „אין דער צייט פון דער „אויסזידלונג" איז פאָרגעקומען פאָלגנדער ווידערשטאַנד פון העלדישן, יידישן, באַקסער זילבערבערג, באַקאַנט געווען אין די ספּאָרט קרייזן אונטערן נאָמען האַנס, געווען פילמאַליקער טשענסטאָכאָווער באָקס־מייסטער, אַ זון פון אַ זאָקן פאַבריקאַנט אויף גאַריבאַלדי גאַס 16. ווען די ס. ס. מענער זענען אַריין צו אים אין שטוב מיט דעם ווילדן געשריי: „אַרויס!" האָט ער זיך אויף זיי געוואָרפן און געשלאָגן. ער האָט געענטפערט: „פון מיין וווינונג גיי איך נישט אַרויס". די ס. ס.

מענער האָבן צו אים 3 מאָל געשאָסן און אין רעזולטאַט דערפון האָט דער 24 יעריקער זילבערבערג פאַרענדיקט זיין לעבן אין דער הוים״.42)

נאַציאָנאַלע קדושה (ב. אַקטיווע פאָרם) איז — דער אומקום פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע צוליב דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און יידישער אמונה אין פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

נאַציאָנאַלע קדושה — ג. סופּערלאַטיווע פאָרם

די געשיכטע פון די לעצטע דריי רבנים אין וואַרשעווער געטאָ.

אין חודש מערץ 1943 האָבן זיך קאַטוילישע גלחים געווענדעט צום וואַרשעווער יודענראַט, אַז זיי זיינען גרייט אויסצובאַהאַלטן די עטלעכע לעבן־געבליבענע רבנים מיט זייערע פאַמיליעס. אין יענער צייט האָבן געלעבט די לעצטע דריי רבנים פון וואַרשעווער ראַבינאַט: הרב מנחם זעמבא, הרב שמעון שטאקהאמער און הרב דוד שפּירא. דער וויצע־פאַרזיצער פון וואַרשעווער יודענראַט, אינזשיניער שטאלצמאַן, איז וועגן דעם ענין געקומען צו אַ באַראַטונג צו די רבנים. ד״ר הלל זיידמאַן באַריכטעט וועגן דער באַראַטונג פאָלגנדעס: „ווי נאָר אינזשיניער שטאלצמאַן האָט איבערגעגעבן דעם תוכן פון זיין שליחות, איז דער יינגסטער פון די דריי רבנים, הרב דוד שפּירא, אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערלעך געוויין, אויסרופנדיק: — ניין! מיר וועלן אונדזער קהילה נישט פאַרלאָזן, מיר האָבן געלעבט צוזאַמען, איז אויב ס׳איז באַשערט אומצוקומען, וועלן מיר אומקומען מיט אונדזער עדה אויך די אַנדערע צוויי רבנים האָבן געזאָגט, אַז דאָס פאַרלאָזן דורך די רבנים דאָס געטאָ וועט מאַכן אַ שרעקלעכן רושם אויף די איבערגעבליבענע יידן; עס וואָלט צעבראָכן יעדן ווידערשטאַנדס־כח און בטחון. די רבנים האָבן אַפילו נישט געוואָלט באַטראַכטן דעם רעטונגס־פאָרשלאָג. זיי האָבן אַלע דריי געענטפערט: — מיר פאַרלאָזן נישט אונדזער עדה, מיר האָבן געלעבט מיט דער וואַרשעווער קהילה צוזאַמען, — אויב ס׳איז אַזוי דער ווילן פון דער השגחה — וועלן מיר שטאַרבן צוזאַמען״. 43)

(די רבנים מנחם זעמבא און שמשון שטאקהאמער זיינען אומגעקומען. הרב דוד שפּירא איז על פּי נס ניצול געוואָרן) .

דער מערקווירדיקער עפּיזאָד ברענגט בולט צום אויסדרוק די דערהויבנקייט, נאַציאָנאַלע און גייסטיקע, פון די רבנים, וואָס האָבן נישט געוואָלט אויסנוצן קיין געלעגנהייט פון פיזישער רעטונג, נאָר האָבן געוואָלט סיי מיט זייער לעבן, סיי מיט זייער אומקום צוגעבן נאַציאָנאַלע חשיבות דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

דער פאַקט האָט דערהויבן די רבנים צו דער העכסטער שטופע פון נאַציאָנאַלער קדושה, וואָס דריקט זיך אויס אין אַ סופּערלאַטיווער פאָרם.

אין דער צייט פון יאַנואַר אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, איז דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן געווען מיט אַ קאַמפס־גרופּע פון 40 חלוצים אויף זאַמענהאָפאַ גאַס 56־58. ער האָט דאָס פאַראייביקט אין זיין עפּאָפּעע: „דאָס ליד פון אויסגע־הארגעטן פאָלק״:

„און ס'קומט אַריין אַ חלוץ און פּאַרטיילט געווער.
פאַר מיר איז ניט געווען, גאָרנישט... נאָר ס'איז פאַר מיר געווען אַלץ!
הגם צו שפּעט...
ניין, ניין! ס'איז קיינמאָל ניט צו שפּעט! דער לעצטער ייד — קוים לייגט
אַוועק אַ רוצח ראַטעוועט זיין פאָלק.
מען קען אַ פאָלק אַן אויסגעהאַרגעטן שוין ראַטעווען דאָך אויך... ראַטעוועט!
איך האָב צו זיי גערעדט,
איך האָב געשטאַרקט זיי, יאָ! אי זיי אי מיך געשטאַרקט, איך האָב צו זיי
גערעדט, געזעגנטשן זיי דערפאָלג". 44)

ד"ר יוסף קערמיש שרייבט וועגן יצחק קאַצענעלסאָן: „דער באַוואוסטער
העברעישער פּאָעט יצחק קאַצענעלסאָן, וואָס האָט זיך געפונען אין דער גרופּע האָט
זיי צוגעגעבן קאַמפס־מוט". „איך בין גליקלעך — זיינען געווען זיינע ווערטער —
וואָס איך שטאַרב צוזאַמען מיט קעמפנדיקע חלוצים. מיר שטאַרבן מיטן באַוואוסטזיין
וועגן דער אייביקייט פון יידישן פאָלק". 45)

ד"ר פיליפּ פרידמאַן שרייבט וועגן אַ העלדישע, מוטיקע פרוי, אַ יידישע
אַרטיסטן, וואָס האָט באַוויזן אַן אויסעראָרדנטלעכע גבורה און בליץ שנעלע האַנדלונג
אין טויטן לאַגער בירקענוי אין סוף אָקטאָבער 1943. ד"ר פיליפּ פרידמאַן שרייבט:
„ווען דער רעפּאָרט־פירער שילינגער האָט מיט כוח גענומען אַראָפּרייסן פון איר די
קליידער, האָט זי געשטעלט אַ ווידערשטאַנד. זי האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש אין
פּנים און ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך מיט איר צו ראַנגלען, האָט זי אַרויסגעריסן
זיין רעוואָלווער פון דער האַנט און אים דערשאָסן. אויף איר קוקנדיק האָבן אויך
אַנדערע פרויען געשטעלט אַ ווידערשטאַנד". 46)

סופּערלאַטיווע פאָרם פון נאַציאָנאַלער קדושה איז — פרייוויליקע אָפּפערונג
פון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע, וואָס האָט מיט מאָראַלישע, עטישע, רעליגיעזע און
פיזישע מיטלען פאַרטיידיקט און באַווירקט אַנדערע צו פאַרטיידיקן דעם כבוד פון
יידישן פאָלק.

מעטאַפיזישע קדושה

אין דעם קאַפּיטל „וואָס איז אַזוינס קדושה" איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז
דער אויסדרוק קדושה דינט פאַרן יידישן פאָלק צו באַצייכענען סימבאָלן, וואָס
דאַרפן דינען אַלס אידעאַל, מוסטער, וועג־ווייזער און באַלערנער. דאָס איז אייגנטלעך
מעטאַפיזישע קדושה. זאָלן דאָ געברענגט ווערן צוויי עפּיזאָדן וועגן כאַראַק־
טעריסטישע פּערזענלעכקייטן, וואָס רעפּרעזענטירן מיט זיך מעטאַפיזישע קדושה.

ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק (גאָלדשמידט)

מלך נוישטאַט שרייבט וועגן ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק פאָלגנדעס: „ווי אַ לעגענדע
אויף לאַנגע צייטן וועט דערציילט ווערן די טאַט פון לערער און לייטער פון קינדער
אַנשטאַלטן, וועלכע זיינען געגאַנגען אין גירוש בראש פון זייערע תלמידים. זיי האָבן
געוואָלט פאַרשפּאָרן די קינדער די שרעק פונם מאַרש צו די טויט־צוגן, האָבן זיי

אַנגעטאָן זיך און די קינדער יום־טובדיקע קליידער, געטיילט זיי צוקערלעך און מיט געזאַנג אויף די ליפּן האָבן זיי געפירט די תלמידים און זיך צום פאַרניכטונגס־טראַנספּאָרט, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר. אַזוי האָט געטאָן דער באַרימטער שרייבער און פּעדאַגאָג יאַנוש קאָרטשאַק". „ווען דער דייטשער ס.ס.־מאַן איז געקומען צו דער באַן אים מעלדן וועגן זיין באַפרייאונג האָט אים ז׳ער אַלטער קאָרטשאַק געענטפערט: טראָג זיך אָפּ דו הונט, זעסטו דען נישט ווי אַזוי יידישע קינדער גייען דעם טויט אַנטקעגן". 47)

ד״ר עמנואל רינגעלבלום

אַ פענאָמענאַלע פּערזענלעכקייט, אַלזייטיק באַגאַבט אַלס וויסנשאַפטלער, היס־טאָריקער, אָרגאַניזאַטאָר און גייסטיקער מנהיג. ער האָט דערהויבן דאָס קולטורעלע לעבן אין וואַרשעווער געטאָ דורך פירן סיסטעמאַטיש אַ עונג־שבת, אַרום וועלכן עס האָט זיך קאָנצענטרירט די גאַנצע יידישע אינטעליגענץ. ער האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ אַ היסטאָרישן אינסטיטוט און אָנגעפירט מיטן זאַמלען היסטאָרישע מאַטעריאַלן, אַדורכגעפירט אַנקעטעס און נאָכדעם באַגראָבן דעם אַרכיוו, בכדי עס זאָלן בלייבן די מאַטעריאַלן פאַר דער יידישער געשיכטע. ער האָט געהערט צו די צענטראַלע אינסטאַנצן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיטן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. ד״ר עמנואל רינגעלבלום האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, אָבער ער האָט דעם רעטונגס פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. 48)

מעטאַפיזישע קדושה איז — דער אומקום פון אַ יחיד אָדער אַ גרופּע אין רעזולטאַט פון אַלמענטשלעכע טאַטן פון פאַרטיידיקן דעם פאָלקס כבוד.

אוניווערסאַלע קדושה

אוניווערסאַלע קדושה באַדייט אַלע פאָרמען פון קדושה צוזאַמען.

אוניווערסאַלע קדושה באַציט זיך צו די העראָישע קעמפער אין די געטאָס, ווייל אין זייערע העלדישע טאַטן זיינען געקומען צום אויסדרוק אַלע פאָרמען פון קדושה, וועלכע דאַרפן באַצייכנט ווערן אין צוויי קאָמפּלעקסן:

1) גייסטיקע קדושה, און
2) פיזישע קדושה.

ביז איצט זיינען אויסגערעכנט געוואָרן די פאָרמען פון קדושה אַלס רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און מעטאַפיזישע, דעריבער איז נויטיק ביי אוניווערסאַלע קדושה אויך צו געבן דעם באַגריף אוניווערסאַלע קדושה.

אוניווערסאַלע קדושה איז נאָר מעגלעך אין דעם פאַל, אויב די געטאָ אויפשטאַנדן האָבן געטראָגן אַן אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אין צענטער פון אַלע ווידערשטאַנדן אין די געטאָס איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, דעריבער זאָלן די אָנגעגעבענע פאַקטן און עפּיזאָדן כאַראַקטע־ריזירן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון די געטאָ־קאַמפן פון דער הויפּט־שטאָט אין פוילן.

אָסובקאָ מאַראַוואָסקי, דער ערשטער פּוילישער פּרעמיער אינעם באַנייטן פּוילן, נאָכן פֿאַלן פֿון דער היטלעריסטישער מאַכט האָט דערקלערט, אַז דער וואַרשעווער געטאָ אויפֿשטאַנד איז: „געווען אומצורייסלעך פֿאַרבונדן מיטן קאַמף פֿון פּוילישן פֿאָלק". 49)

ד"ר יצחק שוואַרצבאַרד שרייבט, אַז אין וואַרשעווער געטאָ: „זיינען געפֿאַלן טויזנטער מענער און פֿרויען אין קאַמף פֿאַרן כבוד פֿון יידישן פֿאָלק און פֿאַר דער אידעע פֿון פֿרייהייט פֿון פֿעלקער קעגן דעם שרעקלעכן באַרבאַריזם, וואָס דאָס נאַציסטישע דייטשלאַנד האָט אָרגאַניזירט און דורכגעפֿירט אין לעצטן קריג. 50)

ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן באַצייכנט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד אַלס יידישע רעוואָלוציע. ער דערקלערט: „די יידישע רעוואָלוציע איז אַ וויכטיקער עטאַפּ אין דעם פֿרייהייטס־קאַמף פֿון די אייראָפּעישע פֿעלקער קעגן דעם נאַצי־אונטער־דריקער". 51)

די געבערענגטע ציטאַטן באַגרינדן דעם אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער פֿון וואַרשעווער געטאָ אויפֿשטאַנד און דערפֿאַר זיינען די אומגעקומענע העלדן אינטער־נאַציאָנאַלע קדושים.

דער באַגריף אוניווערסאַלע קדושה איז אומצוטיילבאַר אויף באַזונדערע פֿאָרמען פֿון קדושה, ווייל זי איז דער אינהאַלט פֿון אַלע קדושה פֿאָרמען צוזאַמען.

די אויפֿשטענדלער אין וואַרשעווער געטאָ זיינען געווען פֿון אַלע פֿאָלקס־שיכטן און אָרגאַניזירטע פּאָליטישע גרופּירונגען, אָנהויבנדיק פֿון די רעליגיעזע „עקיבא", אַלע ציוניסטישע שאַטירונגען, סאָציאַליסטישע און לינקע. די קאַמפֿן האָבן געטראָגן אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן כאַראַקטער, דעריבער איז דער אומקום פֿון די העראָישע קעמפֿער געהייליקט מיט אוניווערסאַלער קדושה.

אוניווערסאַלע קדושה איז — פֿרייוויליקע גייסטיקע און פֿיזישע אָפּפֿערונג פֿון אַ יחיד, אָדער אַ גרופּע, וואָס האָט געקעמפֿט פֿאַרן כבוד פֿון יידישן פֿאָלק און פֿאַר דער פֿרייהייט פֿון דער מענטשהייט.

קאָלאַבאָראַטאָרן מיט דער נאַצי־מאַכט

(אויסנאַמען)

אין יעדן כלל איז דאָ אַ פּרט. צום באַדויערן איז אַ פֿאַקט, אַז אין דער פֿינצטערער נאַצי־עפּאָכע זיינען אויך געווען יידישע דעגענעראַטן, וואָס זיינען געווען אין דינסט פֿון בלוטיקן שונא. די דעגענעראַטן האָבן פֿאַראַטן די יידישע פֿאָלקס־אינטערעסן.

אין „פּנקס מלאָווע" איז דערקלערט: „אַלס קאָמענדאַנט פֿון דער יידישער פּאָליציי האָט די מאַכט נאָמינירט שלום גוטמאַנען, וואָס איז געוואָרן דער שרעק פֿון געטאָ. ער האָט מיט לייב און לעבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און אָנגעטאָן יידן גרויסע צרות. ער האָט געמסרט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין געטאָ. ער האָט געהרגעט און געשלאָגן. ער האָט מיט פֿאַרגעניגן אויסגעפֿירט די דייטשע גזירות. ער האָט געהעצט קעגן די יידישע פֿאָרשטייער. ער מיט נאָך איינינקע אויסוואורפֿן האָבן

געמסרט, ווער עס קומט אַריין אין געטאָ אומלעגאַל און פאַרלאַנגט גרויסע סומען פאַר לעגאַליזירן. ווען ער איז שפּעטער אַנגעקומען קיין אָשוויענטשים, האָבן די מלאַוער יידן זיך מיט אים אָפּגערעכנט און געהרגעט״. 52)

יאָנאַס טורקאָוו שרייבט, אַז „פּאָליציאַנטן האָבן מיט כוח אָפּגעריסן קינדער פון זייערע מאַמעס בריסטן און זיי אַוועקגעפירט״. 54)

בערנאַרד גאָלדשטיין דערקלערט: „די יידישע פּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פון די נאַצי בעסטיעס, אוקראַינער, לעטן, האָט בלאָקירט גאַנצע הויפן און ראַיאָנען, זיך אַריינגעריסן אין די וווינונגען, געזוכט, געשטערט, אַרויסגעשלעפּט פון די באַהעלטענישן וועמען זיי האָבן נאָר געפונען און פאַרשלעפּט צום אומשלאַג פּלאַץ״. 55)

ב. מאַרק דערקלערט, אַז צו די קאָלאַבאָראַטאָרן האָבן געהערט: „יודענראַטן״, פּאָליציי און די יידישע אייגנטימער, שותפים און דירעקטאָרן פון די שאָפּן״. 56)

אין אַ גאַנצער רייע געטאָס האָבן די קעמפער פון די קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס אויסגעפירט טויט־אורטיילן איבער קאָלאַבאָראַטאָרן. די גרעסטע צאָל קאָלאַבאָראַטאָרן זיינען, נאָכן דערפילן זייער שענדלעכע ראָלע, דורך די נאַציס אַליין אומגעבראַכט געוואָרן.

די אומגעקומענע קאָלאַבאָראַטאָרן האָבן זיך מיט זייער טעטיקייט געשטעלט מחוץ המחנה פונעם יידישן פאָלק און אונטערליגן נישט קיין שום קלאַסיפיקאַציע פון די אויסגערעכנטע פאָרמען פון קדושה.

משומדים

אין דער עפּאָכע פון דער נאַצי־הערשאַפט זיינען משומדים אונטערליגן דעם באַגריף „ייד״.

דער באַגריף „ייד״ איז פאָרמולירט אין דייטשן „רייכסבירגער־געזעץ״ פון 15 סעפּטעמבער 1935. דער ערשטער הויפּט־פּונקט לויטעט: „אַ ייד איז דער וועלכער שטאַמט מינדעסטנס פון דריי דורות יידן״. עס גייט וויטער אַוועק אַ גאַנצע סדרה דערקלערונגען וועגן מישלינגען, האַלב יידן און פערטל־יידן.

דער רעזולטאַט פון דעם געזעץ איז געווען, אַז משומדים זיינען באַטראַכט געוואָרן פאַר יידן און אַריינגעשטויסן געוואָרן אין די געטאָס.

די יידן אין די געטאָס האָבן זיך מיט אומצוטרוי באַצויגן צו משומדים, ווייל די געשיכטלעכע דערפאַרונג האָט באַוויזן, אַז גאָר גרויסע צרות האָבן יידן געליטן פון די, וואָס האָבן פאַרלאָזט די יידישע אמונה און געזוכט גליק און קאַריערע אין דער קריסטלעכער וועלט.

די משומדים זיינען פאַרראַטן געוואָרן פון זייערע קריסטלעכע, אַרישע, פריינט און פאַרשטויסן געוואָרן פון אַלע און אַלעמען. נישט געקוקט דערויף האָבן זיי זיך נישט געוואָלט באַטראַכטן פאַר יידן. עס קלינגט ווי אַ קוריאָז, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די משומדים אין וואַרשעווער געטאָ האָבן געהאַט אַ קירכע אויף לעשנאָ גאַס ביי דער קאַרמעליצקע. זייער אָנפירער איז געווען דער משומד — גלח

פודינג, וועלכער איז געווען באַקאַנט פון זיינע אַנטיסעמיטישע העצעס פון פאַר דער מלחמה.

די מערהייט משומדים האָבן פיינט געהאַט ייד ואון נישט געוואָלט ריידן יידיש. זיי האָבן זיך באַטראַכט אַלס הערשנדער פאַקטאָר אין געטאָ און פאַרנומען הויכע אַמטן אין דער פּאָליציי, דערביי אָנגעטאָן גרויסע צרות די יידן.

די משומדים האָבן אויסגענוצט די אַמטן פאַר פּערזענלעכע מאַטעריעלע אינטערעסן, יעלבסט־זיכערהייט, דערביי געפירט אַ טעטיקייט לטובת דער נאַצי־מאַכט און צום שאָדן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן וואַרשעווער געטאָ שרייבט יאָנאַס טורקאָוו :

„דער הויפּט קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי איז געווען דער משומד און גרויסער אַנטיסעמיט פּולקאָווניק שערינסקי". „שערינסקי האָט זיך באַמיט אַרומצורינגלען אין דער פּאָליציי מיט וואָס מער משומדים. דאָס איז אים לייכט אָנגעקומען, ווייל די פאַרקויפטע נשמות האָבן אין דער ניי געגרינדעטער „אינ־סטיטוציע" דערזען פאַר זיך אַ וועג צו קאַריערע, אַ קוואַל פון „פּרנסה" און אַ מעגלעכקייט צו שטילן זייער מאַכט גיריקייט". 57)

אין דער פאַרניכטונגס־עפּאָכע זיינען די משומדים אומגעבראַכט געוואָרן אַלס די, וואָס אונטערליגן דעם באַגריף „ייד". נישט געקוקט דערויף איז פון יידישן שטאַנדפּונקט קען זייער אומקום נישט באַטראַכט ווערן אַלס קדושה, ווייל זיי האָבן נישט געהערט צום יידישן פאָלק און דערצו זיך פיינטלעך באַצויגן צום יידנטום.

די משומדים האָבן געגלויבט די גאַנצע צייט אין חסד פון דער נאַצי־מאַכט, אַז מיט זיי וועט גאָרנישט געשען, ווייל זיי זיינען הערשנדע פאַקטאָרן אין געטאָ.

דער אויסדרוק געטאָ־קדושה באַדייט — פרייוויליקע אָפּפערונג אין גייסטיקן און פיזישן זין פאַר דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק, יידישער אמונה, קאַמף פאַרן כבוד פון דער יידישער נאַציע און פאַר דער פרייהייט פון דער מענטשהייט. ביי די משומדים זיינען די דערשיינונגען נישט געקומען צום אויסדרוק און דערפאַר האָבן זיי מיט זייער אומקום גאָרנישט מקדש געווען.

אַלגעמיינע אויספירונגען

1) דאָס אייראָפּעישע יידנטום האָט באַלייגט, אויף אַ בכבודיקן אופן, אַ היסטאָרישן עקזאַמען פון יידישער עטיק אין דער נאַצי עפּאָכע. די יידישע עטיק אַלס רעזולטאַט פון יידישער אמונה, נאַציאָנאַלער באַוואוסטזיין, יידישע טראַדיציע, יידישע דער־ציאונג האָט געדינט ווי אַ שוץ־פּאַנצער קעגן אַלע דעמאָראַליזירנדע שטרעמונגען פון דער נאַצי־מאַכט.

2) אַלע יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער נאַצי־עפּאָכע צוליב דער אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק און יידישער אמונה, זיינען רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע קדושים.

3) אַלע יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין דער נאַצי־עפּאָכע אַלס גייסטיקע מנהיגים און פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלקס כבוד, זיינען מעטאַפיזישע קדושים.

4) אַלע יידן, וואָס זיינען אומגעקומען אין העראָישן קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט אַלס פרייהייטס־קעמפער, זיינען אוניווערסאַלע קדושים.

5) די יידן, וואָס האָבן פאַראַטן דאָס יידישע פאָלק דורך דינען די נאַצי־מאַכט און משומדים, זיינען אנשים מתחת הגדר.

מאַטעריאַל־קוועלן

1) ד״ר שמחה פיעטרושקאַ. „יידישע פאָלקס ענציקלאָפעדיע״, מאָנטרעאַל 1943. צווייטער באַנד, זייט 477.

2) ד״ר י. העלער. „יידישער לעבנסשטייגער״, אַלגעמיינע ענציקלאָפעדיע, באַנד „יידן א.״, ניו־יאָרק 1950, זייטן 653־654.

3) דהע דזשואיש ענציקלאָפעדיאַ. פונק און וואגנאל אויסגאַבע. ניו־יאָרק־לאָנדאָן 1906. באַנד 5, זייט 245.

4) ברוך שפינאָזאַ. „די עטיק״ (איבערזעצט אויף יידיש דורך וו. נאַטאַנסאָן), פאַרלאַג „קולטור־ליגע״, וואַרשע 1923, זייט 275.

5) בנימין אַרענשטיין. „אַ פאַרטיזאַן ,אליהו הנביא, אָדער אַ לאַמעד־וואָווניק״. „קענעדער־אדלער״ מאָנטרעאַל. נר. 276, נאָוועמבער 29, 1951.

6) פעטער קראָפּאָטקין. „די עטיק״ (איבערזעצט אויף יידיש דורך ד״ר י. א. מעריסאָן). ניו־יאָרק 1924, זייט 62.

7) טשאַרלס דאַרווין. „די אָפּשטאַמונג פון מענטשן״. (איבערזעצט אויף יידיש דורך ד״ר י. א. מעריסאָן) ניו־יאָרק 1923. באַנד 1, זייטן 248־249.

8) פּ. צ. אַאַרמסטראָנג. „דהע עקאָנאָמיקס אָוו מאָראַליטי״. ניו־יאָרק 1951, זייט 5.

9) י .מעססנער. „סאָשל עטיקס״. ניו־יאָרק־לאָנדאָן 1949, זייט 99.

10) רחל אויערבאַך. „דער יידישער אויפשטאַנד״. וואַרשע 1948, זייט 22.

11) מאַרעק עדעלמאַן. „דאָס געטאָ קעמפט״. ניו־יאָרק 1946, זייט 65.

12) „אונדזער צייט״, מאַי 1944.

13) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ״, בוענאָס־איירעס 1947. זייטן 166־167.

14) פּראָפ. פישל שניאורסאָן. „די קאַטאַסטראָפאַלע צייטן און די וואַקסנדע דורות״. בערלין. (די דאַטע איז נישט אָנגעגעבן). זייט 149.

15) פּראָפ. ד״ר פישל שניאורסאָן. „מענטש־געזעלשאַפט״, ווילנע 1927, זייט 12.

16) א. גאָלאָמב. געקליבענע שריפטן. „פרייהייט און קנעכטשאַפט״, מעקסיקע 1947. פינפטער באַנד, זייטן 254—256.

17) י. י. שוואַרץ. „חיים נחמן ביאַליק לידער און פּאָעמען״. מישיגען 1935, זייטן 94־95.

18) ציטירט פון פּראָפ .פישל שניאורסאָן'ס ווערק „יידן און פעלקער פּסיכאָ־לאָגיע״, וואַרשע 1936, זייט 111.

19) א. גאָרדין. „מאָראַל אין יידישן לעבן״. ניו־יאָרק 1940, זייט 12.

20) משה מאַנדעלמאַן. „קדושה וגבורה, גלויבן און בטחון״. שיקאַגאָ 1953.

21) שמעון דובנאָוו. „געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע״. ווילנע 1940, באַנד 3, זייט 74.

22) מעהערס קאָנווערסאַציע לעקסיקאָן. לייפּציג 1876. באַנד 7, זייט 804.

23) שמעון דובנאָוו. „געשיכטע פון יידן אין אייראָפּע". ווילנע 1940, באַנד 3, זייט 74.

24) „דהע דזשואיש אינסייקלאָפּידיאַ". ניו־יאָרק־לאָנדאָן 1906. באַנד 5, זייט 652.

25) „דהע יוניווערסאַל דזשואיש אינסייקלאָפּידיאַ". ניו־יאָרק 1941, זייט 597.

26) פּרקי אבות. פּרק א״יד.

27) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ". בוענאָס איירעס 1947, זייט 77.

28) ציטירט פון ש. קאַטשערגינסקיס בוך „חורבן ווילנע", ניו־יאָרק 1947, זייט 122.

29) בנימין אָרענשטיין. „ווירקלעכקייט". באַמבערג (דייטשלאַנד) 1948. זייטן 122־123.

30) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ" .בוענאָס־איירעס 1947, זייט 46.

31) ציטירט פון ש. קאַטשערגינסקיס בוך „חורבן ווילנע", ניו־יאָרק 1947, זייט 129.

32) „אין די יאָרן פון יידישן חורבן" („די שטים פון אונטערערדישן „בונד"). ניו־יאָרק 1948, זייט 56.

33) ישעיה ו״ג.

34) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ". בוענאָס־איירעס 1947, זייט 115.

35) בנימין אָרענשטיין. „חורבן טשענסטאָכאָוו", באַמבערג 1948, זייט 103.

36) „פּנקס מלאווע", אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר יעקב שאַצקי. ניו־יאָרק 1950, זייטן 53 און 390.

37) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ", ניו־יאָרק 1947, זייט 251.

38) יוסף גאר. „אומקום פון דער יידישער קאָוונע". מינכען 1948, זייטן 135־136.

39) בנימין אָרענשטיין. „אונדזער יאָרצייט", באַמבערג (דייטשלאַנד), זייט 1.

40) יעקב פּאַט. „הענעך". בוענאָס־איירעס, 1948, זייט 95.

41) יעקב ראסען. „מיר ווילן לעבן", ניו־יאָרק 1949, זייט 47.

42) בנימין אָרענשטיין. „חורבן טשענסטאָכאָוו" ,באַמבערג 1948, זייט 93.

43) ד״ר הלל זיידמאַן. „טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ". בוענאָס־איירעס, 1947, זייט 282.

44) יצחק קאַצענעלסאָן. „דאָס ליד פון אויסגעהאַרגעטן פאָלק". ניו־יאָרק 1948, זייטן 60־70.

45) ד״ר יוסף קערמיש. „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ", בוענאָס־איירעס־וואַרשע, 1948, זייטן 31־32.

46) ד״ר פיליפ פרידמאַן. „אַשוויענטשים". בוענאָס־איירעס 1950, זייט 185.

47) מלך נוישטאַט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע". ניו־יאָרק 1948, זייטן 28־29.

48) מלך נוישטאַט. „חורבן און ווידערשטאַנד פון די יידן אין וואַרשע", ניו־יאָרק 1948, זייטן 670—672.

49) ציטירט פון ד״ר יוסף קערמיש'ס בוך „דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". בוענאָס־איירעס־וואַרשע 1948, זייט 10.

50) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרד. „דער אייביקער זין פונעם אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ". אָפּהאַנדלונג אין „קענעדער אדלער", מאָנטרעאַל. נר. 90, פון 15 אַפּריל 1951.

51) ד״ר פיליפ פרידמאַן. „פרשת־וואַרשע״. אָפּהאַנדלונג אין זשורנאַל „צוקונפט״, נר. 4, חודש אַפּריל 1950.

52) „פנקס מלאַווע״, אונטער דער רעדאַקציע פון ד״ר יעקב שאַצקי. ניו־יאָרק 1950, זייט 406.

53) ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי. „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום״, פּאַריז 1948, זייט 302.

54) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען״. בוענאָס־איירעס 1948, זייט 285.

55) בערנאַרד גאָלדשטיין. „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ״. ניו־יאָרק 1947, זייט 258.

56) „בלעטער פאַר געשיכטע״, באַנד 4, העפט 1, זייט 7. וואַרשע. יאַנואַר־מערץ, 1951.

57) יאָנאַס טורקאָוו. „אַזוי איז עס געווען״. בוענאָס־איירעס 1948, זייטן 49 און 134.

ביבליאָגראַפיע פון די פאַרעפנטלעכטע אַרבעטן

פון ד״ר בנימין אָרענשטיין

פאָלגנדע פאַרקירצונגען זיינען באַנוצט געוואָרן:

צו באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט:

א. — אַרטיקל אָדער אָפּהאַנדלונג.
ב. — בוך אָדער בראָשור.
ל. — ליד.
ע. — עסיי.
פ. — פאַרשידנס.
ר. — רעצענזיע.

צו אידענטיפיצירן די פּובליקאַציע:

א.וו.ב. — „אונדזער וואָרט״, וואָכנשריפט אין באַמבערג, אַמעריקאַנישע זאָנע אין דייטשלאַנד.
א.וו.מ. — „אונדזער וואָרט״, חודש זשורנאַל אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.
ד.א.ז.ט.— „דער אידישער זשורנאַל״, טאָג־צייטונג אין טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.
ק.א.מ. — „קענעדער אדלער״, טאָג־צייטונג אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע.
אַלע אַנדערע זיינען אָנגעגעבן מיט די פולע באַצייכענונגען.

1946

1 — א. פסח אונטער דער היטלעריסטישער טיראַניע. א.וו.ב., אַפּריל 1946.
2 — א. דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. א.וו.ב., אַפּריל 1946.
3 — א. 15 אַפּריל די באַפרייאונג אין בערגען בעלזען. א.וו.ב., אַפּריל 1946.
4 — א. פרץ דער פאָלקס שרייבער. א.וו.ב., אַפּריל 1946.
5 — א. יידן אין קאַמף פאַר אַ פריי פוילן. א.וו.ב., אַפּריל 1946.
6 — א. דער ערשטער מאַי. א.וו.ב., מאַי 3, 1946.
7 — א. ל״ג בעומר. א.וו.ב., מאַי 1946.
8 — פ. צוזאַמענפאַל פון פאַרטיזאַנער פאַרבאַנד „פח״ח״ אין לייפּהיים. א.וו.ב., מאַי 17, 1946.
9 — א. שבועות. א.וו.ב., יוני 4, 1946.
10 — א. די געשיכטע פון דער יידישער סינאַגאָגע אין באַמבערג. א.וו.ב., יוני 28, 1946.
11־19—א. יידישע פרייהייטס־קעמפער. (סעריע פון 9 אַרטיקלען), א.וו.ב., יוני, אויגוסט, סעפּטעמבער 1946.
20 — א. די ערשטע יידן אין מינכן. „לאַנדסבערגער לאַגער צייטונג״, לאַנדסבערג, סעפּטעמבער, 1946.
„אַ היים״, לייפּהיים, נר. 22, סעפּטעמבער 1946.
21 — פ. צווייטע לאַנד קאָנפערענץ פון דער הסתדרות ציונית אחידה אין פראַנקפורט. א.וו.ב., סעפּטעמבער 24, 1946.

1947

22 — א. וואָס איז אַזוינס קאַפּאָ? „יידישע צייטונג, לאַנדסבערג 1947.
23 — א. פורים. א.וו.ב., מערץ 7, 1947.
24 — פ. אויסצוגן פון היסטאָרישע דאָקומענטן. א.וו.ב. מערץ 7, 1947.

25 — א. פסח אין דער געשיכטע פון דער שטאָט קישיניעוו. א.וו.ב. 11־4 אַפּריל 1947.
26 — א. עלילת דם אין גאַנג פון דורות. א.וו.ב. פּסח 1947.
27 — א. ל״ג בעומר. א.וו.ב., מאַי 1947.
28 — פּ. שוואַבאַך. א.וו.ב. מאַי 1947.
29 — א. י״ד אייר, דער יאָרטאָג פון יציאת קאַצעט. א.וו.ב. מאַי 1947.
30 — א. קישיניעוו. „יידישע בילדער״. חודש זשורנאַל, מינכן נר. 6, יוני 1947.
31 — א. די געשיכטע פון יידישן ווילצבורג. א.וו.ב. 1947.

1948

32 — א. בערנאַרד קורלאַנד. „איבערגאַנג״, וואָכנשריפט, מינכן נר. 11 (61) מערץ 26, 1948.
33 — א. פּראָפעסאָר פּיוול פלאַקסין. „ווידערשטאַנד״, חודש זשורנאַל, מינכן אַפּריל נר. 4, 1948.
34 — א. דער בריוו. „ווידערשטאַנד״, חודש זשורנאַל, מינכן נר. 6, יוני 1948.
35 — א. גראַנאַטן פּראָדוקציע אין קליינעם טשענסטאָכאָווער געטאָ. „ווידער־שטאַנד״, חודש זשורנאַל, מינכן נר. 5, מאַי 1948.
36 — א. וואָס איז אַזוינס קאַפּאָ? „יידישע צייטונג״, לאַנדסבערג 1948.
37 — א. דער אומקום פון אָטוואָצקער, פאַלעניצער און קאַרטשעווער יידנטום. „איבערגאַנג״, מינכן נר. 25 (75) אויגוסט 20, 1948.
38 — א. דאָס אָמאָליקע יידישע לעבן אין וואַרשע. „דער וואַרשעווער לאַנדסמאַן״, איינמאָליקע אויסגאַבע פון קאָמיטעט פון וואַרשעווער יידן אין באַמבערג, באַמבערג 1948.
39 — ב. חורבן טשענסטאָכאָוו. (אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע), אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג פון די טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנ־שאַפטן אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע אין דייטשלאַנד. באַמבערג־מינכן 1948, 463 זייטן.
40 — ב.ווירקלעכקייט. אַרויסגעגעבן דורך דער ליטעראַריש־היסטאָרישער ביוראָ אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע אין דייטשלאַנד. באַמבערג 1948, 185 זייטן.
41 — ב. חורבן אָטוואָצק, פאַלעניץ און קאַרטשעוו. אַרויסגעגעבן דורך דער פאַר־וואַלטונג פון דער אָטוואָצקער, פאַלעניצער, קאַרטשעווער לאַנדסמאַנ־שאַפט אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד. באַמבערג 1948, 88 זייטן.
42 — א. אונדזער יאָרצייט. זייט 1.
43 — א. דאָס אָמאָליקע לעבן אין טשענסטאָכאָוו. זייטן 15—11.
44 — א. די ליקווידאַציע פון קליינעם טשענסטאָכאָווער געטאָ. זייט 2.
45 — ר. אַ שטאָט גייט אונטער. זייט 25.
46 — ל. ברויט. (פּאָעמע), זייטן 7־6.
47 — א. געשטאַלטן פון דער אונטערגרונד־באַוועגונג. זייטן 21—19.
48 — ל. טרויעריק. (ליד). זייט 21.
49 — א. גראַנאַטן פּראָדוקציע אין קליינעם טשענסטאָכאָווער געטאָ. זייטן 23־22.
50 — ל. צום יאָר־טאָג. (ליד). זייט 23.
51 — א. געטאָ געדיכט. (ליד). זייט 23.
אַלע 10 אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין דער איינמאָליקער אויסגאַבע: „אונדזער יאָרצייט״, אַרויסגעגעבן פון דער צענטראַל פאַרוואַלטונג פון טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפטן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד. באַמבערג 1948.

1949

52 — א. די אונטערגרונד באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו. (ערשטער אַרטיקל), ק.א.מ., פרייטיק, יוני 17, 1949.

53 — א. די אונטערגרונד באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו. (צווייטער אַרטיקל). ק.א.מ., זונטיק יוני 19, 1949.

54 — פ. אַ בריוו אין רעדאַקציע. „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", פרייטיק, פעברואַר 25, 1949.

55 — א. דער אומקום פון אָטוואָצקער, פאַלעניצער און קאַרטשעווער יידנטום. ק.א.מ. פרייטיק סעפּטעמבער 23, 1949.

56 — פ. וועגן דעם אַרטיקל „די פינצטערע יאָרן אין דער געטאָ אָטוואָצק" (פאַלעמיק). „מאָרגן פרייהייט", ניו־יאָרק, פרייטיק סעפּטעמבער 30, 1949.

57 — ר. בלעטער פאַר געשיכטע. (באַנד 1, העפטן 3־4). ק.א.מ. מאָנטיק נאָוועמבער 21, 1949.

58 — א. דער לעצטער חנוכה אין אָטוואָצקער געטאָ. ק.א.מ. דאָנערשטיק, דעצעמבער 22, 1959.

59 — ב. דער אומקום און ווידערשטאַנד פון אַ יידישער שטאָט. (אויסגאַבע געווידמעט דעם זיבעטן יאָרטאָג פון אומקום און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער יידנטום). מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, 1949, 18 זייטן.

1950

60 — א. די באַפרייאונג פון שארית־טשענסטאָכאָוו. „וואָכנבלאַט", טאָראָנטאָ, יאַנואַר 12, 1950.

61 — פ. אַריינפיר צו חיים בירענהאָלץ'ס אַרטיקל: „פורים 1943 אין דער קליינער טשענסטאָכאָווער געטאָ", ק.א.מ., פרייטיק מערץ 3, 1960.

62 — א. דער ווידערשטאַנד און ליקווידאַציע פון דער קליינער טשענסטאָכאָווער געטאָ. ק.א.מ., פרייטיק יוני 23, 1950.

63 — א. יאָרצייט פון דריי יידישע קהילות אין פוילן: אָטוואָצק, פאַלעניץ און קאַרטשעוו. „דער טאָג", ניו־יאָרק, מיטוואָך אויגוסט 23, 1950.

64 — ר. בלעטער פאַר געשיכטע. (וועגן באַנד 2 העפטן 1־4). ק.א.מ., סעפּטעמבער 4, 1950.

65 — א. ראש השנה 1939 ביי אַ יידישן פריץ. ק.א.מ., מאָנטיק, סעפּטעמבער 11, 1950.

66 — ר. ד"ר פיליפ פרידמאַן'ס בוך: „אָשוויענטשים". ק.א.מ. אָקטאָבער 9, 1950.

67 — א. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש. (ערשטער אַרטיקל). ק.א.מ. דאָנערשטיק, אָקטאָבער 12, 1950.

68 — א. קלאַראַ סעגאַלאָוויטש. (צווייטער אַרטיקל) ק.א.מ. פרייטיק, אָקטאָבער 13, 1950.

69 — ר. אינזשיניער משה גילדענמאַן'ס בוך: „חורבן קאָרעץ". ק.א.מ. מאָנטיק, אָקטאָבער 23, 1950.

70 — ר. לענאַ קיכלער'ס בוך: „מיינע קינדער". ק.א.מ. מאָנטיק, נאָוועמבער 27, 1950.

71 — ר. דוד מאַריץ'ס בוך: „חורבן דינאוו, סאַניק — דיבעצק". ק.א.מ., מאָנטיק, דעצעמבער 11, 1950.

72 — פ. „איך בעט אייך, טרינקט אַ גלאָז קאַרשן סאָק". ק.א.מ. מיטוואָך, דעצעמבער 20, 1950.

1951

73 — ר. אסתר באַס־מעלצער'ס בוך: „אין די נעגל פון אומקום". ק.א.מ., מאָנטיק, יאַנואַר 1, 1951.

74 — ע. די ערשטע עפּאָפּעע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ק.א.מ., יאַנואַר 4, 1951.

75 — פ. ווייס־בלויע פאָן. ק.א.מ., דינסטיק, יאַנואַר 9, 1951.

76 — ר. בלעטער פאַר געשיכטע (וועגן באַנד 3, העפטן 1־2). ק.א.מ., מיטוואָך, יאַנואַר 17, 1951.

77 — ר. יעקב כהן׳ס בוך: „אויף די וועגן פון יידישן קיום״. ק.א.מ., מאָנטיק יאַנואַר 22, 1951.
78 — א. נוי־העללאָס. ק.א.מ., זונטיק, פעברואַר 11, 1951.
79 — ר. גראַיעווער יזכור בוך. ק.א.מ., מאָנטיק, פעברואַר 12, 1951.
80 — א. דער קאָנצענטראַציע לאַגער ווילצבערג. ק.א.מ., דינסטיק, מערץ 20, 1951.
81 — ר. לוי שאליט׳ס בוך „אַזוי זיינען מיר געשטאָרבן. ק.א.מ., מאָנטיק, אַפּריל 16, 1951.
82 — ע. די גרויסע עפּאָפּעע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. (צום אַכטן יאָר־טאָג). ק.א.מ., פרייטיק, אַפּריל 20, 1951.
82 — ר. א. אייזענ׳ס בוך „מענטשן פון געטאָ״. ק.א.מ., מאָנטיק, מאַי 14, 1951.
84 — ר. דאָס בוך פון באַגלייטונג. (וועגן פנקס מלאווע). ק.א.מ., מאָנטיק, מאַי 28, 1951.
85 — ר. יעקב פאַט׳ס בוך „הענעדן״. ק.א.מ., מאָנטיק, יוני 18, 1951.
86 — א. ראש השנה 1943־44 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „האַסאַג־פעלצערן״, ק.א.מ., מיטוואָך, אָקטאָבער 24, 1951.
87 — פ. דייטשן אין ליכט פון היסטאָרישע דאָקומענטן. ק.א.מ. דאָנערשטיק, נאָוועמבער 1, 1951.
88 — ע. יצחק לייבוש פרץ. ק.א.מ., זונטיק, נאָוועמבער 4, 1951.
89 — ר. דאָס בוך פון קדושה. (וועגן דוד בן־גוריון׳ס בוך: „ישראל אין קריג״). ק.א.מ., נאָוועמבער 8, 1951.
90 — א. אַ פּאַרטיזאַן, אליהו הנביא אָדער אַ לאַמעד־וואָווניק. ק.א.מ., דאָנערשטיק, נאָוועמבער 29, 1951.
91 — ר. וועגן מירל ערדבערג־שאַטאַן׳ס בוך: „ניט פון קיין פרייד״, ק.א.מ. דעצעמבער 3, 1951.
92 — ע. פּראָפ. שמעון דובנאָוו ז״ל. (צום צענטן יאָרטאָג 1951—1941). ק.א.מ., דעצעמבער 17, 1951.

1952

93 — ע. צום 25־טן יאָרצייט פון דיכטער יהואש. ק.א.מ., דינסטיק, יאַנואַר 2, 1952.
94 — א. מרדכי מענדל בעל־תשובה. ק.א.מ., דינסטיק יאַנואַר 29, 1952.
95 — א. עפּיזאָדן פון קאָנצענטראַציע־לאַגער. ק.א.מ., מאָנטיק, פעברואַר 11, 1952.
96 — פ. פסח 1947 מיט פּאַרטיזאַנער, זעלנער און חלוצים. ק.א.מ. פסח אויסגאַבע, מיטוואָך אַפּריל 9, 1952.
97 — א. כעלם און אומגעגנט. ק.א.מ., מאָנטיק, יוני 23, 1952.
98 — א. לאַלעק מאַקאָטאָוו. ק.א.מ., זונטיק, יולי 6, 1952.
99 — א. צעלינאַ סטאַמבולקאַ. ק.א.מ., דינסטיק, אויגוסט 25, 1952.
100 — א. ר׳ יחיאל מאיר זאלבערג, ק.א.מ., מאָנטיק, סעפּטעמבער 8, 1952.
101 — ר. פּראָבלעמען פון דער נאַצי־עפּאָכע. (שמואל האַנדל). ק.א.מ., פרייטיק, סעפּטעמבער 12, 1952.
102 — ר. אין די אָרעמס פון טויט. ק.א.מ., מאָנטיק, סעפּטעמבער 15, 1952.
103 — א. ראש השנה 1942 אין לאַגער קאַרטשעוו, ק.א.מ., פרייטיק, סעפּטעמבער 19, 1952.
104 — א. פּראָבלעמען פון דער נייעטער געשיכטס־פאָרשונג. ק.א.מ., דאָנערשטיק, אָקטאָבער 2, 1952.
105 — א. יאַראָסלאַוו וואַרכליצקי. ק.א.מ., מאָנטיק, אָקטאָבער 20, 1952.
106 — פ. די פילאָזאָפיע פון בוכפירונג. (אלעגאָריע). ק.א.מ., דאָנערשטיק, נאָ־וועמבער 6, 1952.
107 — ע. עדיט שטיין, ק.א. מ., דינסטיק דעצעמבער 30, 1952.

1953

108 — פ. באמערקונגען וועגן אַרטיקל „סאָציאַליזם אין די הענט פון אירע פאַרווירדקלעכער״. (אַ פּאָלעמיק מיט אליעזר מ. פריד). ק. א.מ., דאָנער־שטיק, פעברואַר 19, 1953.

109 — א. ישראל יוסף קוטנער. ק.א.מ., פרייטיק, מערץ 6, 1953.

110 — ע. קאָמוניסטישע יודאָפאָביע. ק.א.מ., זונטיק, מערץ 8, 1953.

111 — א. דער לעצטער פסח אין יאָר 1942 אין אַ שפּיטאָל אין אָטוואָצק. ק.א.מ., מאָנטיק מערץ 30, 1953.

112 — א. ווען גענעראַל אייזענהאָוער איז געווען צו גאַסט אין אַ שול פון געראַ־טעוועטע יידן. ק.א.מ., ראש השנה נומער, סעפּטעמבער 9, 1953.
ראשם השנה און יום כפור אין דעם די־פּי לאַגער פעלדאַפינג. ד.א.ז.ט., ראש השנה נומער, מיטוואָך, סעפּטעמבער 9, 1953.
אייזענהאָוער אין די־פּי שול ימים נוראים. „אַמעריקאַנער״, ראש השנה נומער, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 9, 1953.

Rosh Hashonah At Feldafing, D.P. Camp In Germany, With General Eisenhower As Guest. Canadian Jewish Revtew. Rosh Hashonah Issue, Montreal-Toronto, August 31, 1956, pages 10, 97 and 98.

This essay was also published in "Dos Yiddishe Wort" in Winnipeg, Rosh Hashonah Issue, English Section, 1955.

113 — ר. חורבן און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער יידנטום. וועגן ל. ברע־נער׳ס בוך: ווידערשטאַנד און אומקום פון טשענסטאָכאָווער יידנטום). „ייוואָ בלעטער״, באַנד 37, (די תקופה פון לעצטן חורבן), ניו־יאָרק 1953, זייטן 306—301.

1954

114 — פ. כבד את אביך ואת אמך. ק.א.מ., יאַנואַר 6, 1954.

115 — ל. י. י. סיגאַל. (ליד). ד.א.ז.ט., דאָנערשטיק מערץ 18, 1954. „דאָס וואָרט״, חודש־זשורנאַל, מאָנטרעאַל, אַפּריל 1954.

116 — פ. די אויסשטעלונג פון יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין מאָנטרעאַל. ק.א.מ. מיטוואָך מערץ 24, 1954.

117 — ע. דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון דעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. ק.א.מ. מערץ 29, 1954.

118 — פ. פראַנצויזיש־יידישע פריינטשאַפטס קאָנפערענץ אין מאָנטרעאַל אוני־ווערזיטעט. ק.א.מ. זונטיק אַפּריל 4, 1954.

119 — א. אַננאַ וואַרשאַווסקאַ ביים קאָלעקטיוון סדר אין באַמבערג אין יאָר 1947.
„דער יידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, פרייטיק אַפּריל 9, 1954.
„קענעדער אדלער״, מאָנטרעאַל, פרייטיק אַפּריל 16, 1954.

120 — ע. דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. ד.א.ז.ט. פרייטיק אַפּריל 16, 1954.

121 — ר. מאַרטירער און קעמפער. (וועגן ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס בוך). ק.א.מ. מאָנטיק, אַפּריל 26, 1954.
„דאָס וואָרט״, חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, נומער 5, מאַי 1954.
ד.א.ז.ט. טאָראָנטאָ, מאַי 2, 1954.

122 — פ. הערש רייזלער ע״ה דער פאָלקס־מענטש. ק.א.מ. מאָנטיק אַפּריל 26, 1954.

123 — פ. די העראָישע עפּאָפּעע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. „די צוואה״, אויסגאַבע פון פאַרבאַנד פון וואַרשעווער יידן און אומגעגנט אין מאָנט־רעאַל, מאַי 2, 1954.

124 — ר. אין אַ וועלט פון קלאַנגען. (וועגן איידע מאַזע׳רס בוך: „וואַקסן מיינע קינדערלעך), ד.א.ז.ט. יוני 23, 1954.

וואַקסן מיינע קינדערלעך. ק.א.מ. מאָנטיק יולי 19, 1954.
איידע מאַזעס קינדער־לידער. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, יוני 1, 1954.

125 — ר. די תקופה פון לעצטן חורבן. ד.א.ז.ט. דינסטיק יוני 15, 1945.
ק.א.מ., יולי 12, 1954.

126 — א. די גייסטיקע ווינטן אין פוילן. ד.א.ז.ט. מיטוואָך, יולי 7, 1954.

127 — א. רעדאַקטאָר ישראל ראַבינאָוויטש אַ בן ששים. ד.א.ז.ט. מאָנטיק יולי 19, 1954.

128 — א. אַ געפונענע יידישע טאָכטער. „אַמעריקאַנער", ניו־יאָרק, יולי 23, 1954.

129 — פ. קולטור־פּראָבלעמען. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, סעפּטעמבער 1, 1954.

130 — א. דער לעצטער ראש השנה אין אָטוואָצקער געטאָ. פאַרעפנטלעכט אין די ראש השנה אויסגאַבעס: „אַמעריקאַנער", ניו יאָרק, וואָכנשריפט, סעפּטעמבער 24, 1954.
ק.א.מ. סעפּטעמבער 27, 1954.
ד.א.ז.ט. טאָראָנטאָ, סעפּטעמבער 27, 1954.

131 — פ. פּעלשער פון געשיכטע. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, אָקטאָבער 1, 1954.

132 — פ. יום־כפור 1939 אין דער בוקאָווינער שטאָט קימפּאַלונג. ק.א.מ. אָקטאָבער 8, 1954.

133 — ע. סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי ד״ר הערצל. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, נאָוועמבער 1, 1954.
ק.א.מ. פרייטיק נאָוועמבער 5, 1954.

134 — ע. כעלם און אומגעגנט. „יזכור־בוך כעלם". אויסגאַבע פון דער כעלמער לאַנדסמאַנשאַפט אין יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע, יאָהאַנעסבורג 1954, זייטן 464—457.

1955

135 — פ. פייערונג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד לכבוד דעם 60־יעריקן יובילײ פון ישראל מדרש. ק.א.מ. דינסטיק פעברואַר 8, 1955.

136 — ע. די לעגענדע יוסף לעוואַרטאָווסקי. ק.א.מ. מיטוואָך אַפּריל 6, 1955.
אָרגאַניזאַציאָנעלע פּראָבלעמען. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, סעפּטעמבער 1955.

137 — א. ראש השנה אין אָטוואָצקער געטאָ. „אַמעריקאַנער", וואָכנשריפט, ניו־יאָרק, סעפּטעמבער 16, 1955.

138 — א. יאָסעלע הויבט אָן צו זאָגן קדיש אין ראש־השנה. ק.א.מ. ראש השנה אויסגאַבע, פרייטיק סעפּטעמבער 16, 1955.

139 — ר. אַ קינדהייט פון טרויער און נויט — אַ יוגנט פון פרייד און קאַמף. „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, אָקטאָבער 16, 1955.
ק.א.מ. מאָנטיק נאָוועמבער 7, 1955. (וועגן ש. באַנטשעק׳ס בוך „ווי עס געדענקט זיך").

140 — ר. יזכור־בוך כעלם. ד.א.ז.ט. דאָנערשטיק נאָוועמבער 17, 1955.

141 — א. דער פאָלקלאָריסטישער אַספּעקט אין שרה האַמער־דזשאַקלין׳ס שאַפונגען. (וועגן די צוויי ביכער: 1. „לעבנס און געשטאַלטן" און 2. „שטאַמען און צווייגן").
„דער יידישער זשורנאַל", טאָראָנטאָ, דעצעמבער 23, 1955.

142 — ב. כבוד די געפאַלענע העלדן אין וואַרשעווער געטאָ. אַרויסגעגעבן דורכן פאַרבאַנד פון וואַרשעווער יידן און אומגעגנט אין מאָנטרעאַל. מאָנטרעאַל 1955, 8 זייטן.

143 — ל. הימן פון דער רוסיש־פּוילישער סאָסייעטי. (ליד). זייט 4.

144 — ע. דער אומקום פון פּוילישן יידנטום. זייטן 22—19.

145 — ע. ענגלישע זייט:
Tre Annihilation of tre Jews in Poland. Pages 19—22.

אַלע דריי אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין סוווענירבוך פון דער רוסיש־פוילישער סאָסייטע אין מאָנטרעאַל. מאָנטרעאַל 1955.

1956

146 — פ. אַ טאָג אַרבעט פון אַן עקזעקוטיוו דירעקטאָר. ד.א.ז.ט. זונטיק, יאַנואַר 22, 1956.

147 — א. פסח אין קאָנצענטראַציע לאַגער. „דער אַמעריקאַנער", וואָכנשריפט, פסח־אויסגאַבע, ניו־יאָרק, מערץ 23, 1956.

148 — א. פסח 1945 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „דאַראַ". ק.א.מ. פסח־אויסגאַבע, מאָנטיק מערץ 26, 1956.
ד.א.ז.ט. פסח־אויסגאַבע, מאָנטיק מערץ 26, 1956.

149 — א. חורבן זאַמאָשטש. ק.א.מ. זונטיק אַפּריל 8, 1956.

150 — פ. צום צוואַנציק־יאָריקן יובל פון זשיטלאָווסקי צווייג. „דאָס וואָרט", חודש־שריפט, מאָנטרעאַל, אַפּריל 1, 1956.

151 — פ. פייערלעכער באַנקעט לכבוד דעם 20־יאָריקן יובל פון זשיטלאָווסקי צווייג. „דאָס וואָרט", חודש שריפט, מאָנטרעאַל, מאַי 1, 1956.

152 — א. ראש־השנה 1945 מיט דער שארית־הפליטה אין דער דייטשער שטאָט באַמבערג. ק.א.מ. ראש־השנה אויסגאַבע, מיטוואָך סעפּטעמבער 5, 1956.

153 — ע. ד"ר יעקב שאַצקי'ס ביטראַג צו דער געשיכטע פון פוילישע יידנטום. ד.א.ז.ט. מאָנטיק אָקטאָבער 8, 1956.

154 — א. דער לעצטער חנוכה אין אָטוואָצקער געטאָ. „יום־טוב בלעטער", חנוכה אויסגאַבע, יאָהאַנעסבורג, נומער 6, 1956, זייטן 5־4.

1957

155 — ע. צי איז יצחק לייבוש פרץ געווען אַ רעליגיעזער ייד? ד.א.ז.ט. אַפּריל 18, 1957.

156 — ע. יאָהאַנעסבורגער יום־טוב בלעטער. „יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, פסח אויסגאַבע, נר. 7, 1957, זייט 13.
ק.א.מ., 1957.

157 — ע. יהואש (צום דרייסיקסטן יאָרצייט). „דאָס וואָרט", חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, מאַי 15, 1957.
„יום־טוב בלעטער", יאָהאַנעסבורג, ראש השנה אויסגאַבע, נר. 9, 1957, זייט 17.

158 — א. 50 יאָר רוסיש פוילישע סאָסייטע. ק.א.מ. יוני 9, 1957

159 — א. 50 יאָר רוסיש־פוילישע סאָסייטע אין מאָנטרעאַל. זייטן 273—265.
גאָלדן יובל־בוך פון דער רוסיש־פוילישע היברו סיק בענעפיט סאָסייטע. מאָנטרעאַל 1957.

160 — א.
Fifty Years Russian Polish Hebrew Sick Benefit Association in Montreal, pages 9—15.

161 — ע.
A Short Survey of the History of Jews in Poland and Russia until the Second World War. Pages 29—61.

162 — ע.
The Annihilation of Polish Jewry. Pages 90—169.

163 — א.
Ambulance for Kupat Holim. Pages 183—186.
The five works: four in English and one in Yiddish, published in the Golden Jubilee Souvenir Book, Publication of the Russian Polish Hebrew Sick Benefit Association. Montreal 1957.

164 — א. ראש־השנה ביי טויטע־חסידים. ק.א.מ. ראש־השנה אויסגאַבע, סעפּטעמבער 25, 1957.

165 — ר. דער פאָלקלאָריסטישער אַספּעקט אין בוך ביי די טייכן וואַרטע און איסט־ריווער. (וועגן רפאל פעדערמאַן׳ס בוך). ק.א.מ. 1957.

1958

166 — א. פסח 1942 אין סיביר. ק.א.מ. פסח אויסגאַבע, פרייטיק אַפּריל 4, 1958.

167 — א. אַ גאַס אין וואַרשע (צום 15־טן יאָרצייט פון וואַרשעווער געטאָ אויפֿשטאַנד). ק.א.מ. אַפּריל 14, 1958.

168 — ר. שטורעם געוויקסן. (וועגן מרדכי סארנאָ׳ס בוך: „שטורעם געוויקסן״) ק.א.מ. מאָנטיק סעפּטעמבער 1, 1958.

169 — פּ. ימים נוראים אין לאַגער פּאָזשימיעכי. ק.א.מ. ראש השנה נומער, סעפּטעמבער 12, 1958.

170 — א. ד״ר פיליפּ פרידמאַן — צו זיין באַזוך אין מאָנטרעאַל. ק.א.מ. אָקטאָבער 2, 1958.

171 — א. צו דעם 16־טן יאָרצייט פון חורבן טשענסטאָכאָוו. „פאָרווערטס״, ניו־יאָרק, נאָוועמבער 4, 1958.

172 — ע. טשענסטאָכאָווער יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע. זייטן 46—39.

173 — א. די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין די־פּי קעמפּס אין דייטשלאַנד. זייטן 66—62.

174 — פּ. טשענסטאָכאָווער פאָלקלאָר אין דער נאַצי־צייט. זייטן 67־66.

175 — ע. ד״ר יעקב שאַצקי׳ס ביישטייער צו דער געשיכטע פון די יידן אין טשענסטאָכאָוו. זייטן 138־137.

176 — פּ. טשענסטאָכאָווער אין קאַנאַדע. די טעטיקייט פון דער טשענסטאָכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל. זייטן 246—243.

אַלע פינף אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין בוך „טשענסטאָכאָוו״, אַרויסגעגעבן דורך דעם פאַראייניקטן טשענסטאָכאָווער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, ניו־יאָרק 1958.

177 — ל. טשענסטאָכאָוו (ליד). זייט 3.

178 — ל. אין דעם קליינעם געטאָ (ליד). זייט 17.

179 — א. דער היסטאָרישער אַספּעקט פון דער אונטערגרונט באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו. זייטן 24—21.

אַלע דריי אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין דער בראָשור „בלעטער פון אומקום און קאַמף״, רעדאַגירט און אַרויסגעגעבן דורכן קאָמיטעט פון טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין מאָנטרעאַל. מאָנטרעאַל 1958. (די אויסגאַבע איז געווידמעט דעם 16־טן יאָרטאָג פון אומקום און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער יידנטום).

1959

180 — א. 15 יאָר ישיבת „מאור הגולה״. ק.א.מ. מיטוואָך יאַנואַר 7, 1959.

181 — ע. באַציאונגען צווישן פעלקער. (וועגן ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס בוך: „דהעיר בראַדערס קיפּערס), ק.א.מ. מאָנטיק מערץ 23, 1959.

182 — ר. הערש שישלער דער מאמין. (וועגן בוך: „ערנסטער שפּאַס״). ק.א.מ. „יום־טוב בלעטער״ יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה אויסגאַבע, נר. 17, 1959, זייט 20.

183 — ע. משה מענדעלסאָן (1729—1959 צום 230־טן געבוירנטאָג) ק.א.מ. מיטוואָך אָקטאָבער 14, 1959.

184 — ע. שלום עליכם אין סאָוועט רוסלאַנד. ק.א.מ. נר. 265, נאָוועמבער 16, 1959.

1960

185 — ע. ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל (צו די שלושים). ק.א.מ. מערץ 7, 1960.

186 — ע. דער פאָלקס־כאַראַקטער פון דעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. ק.א.מ. פרייטיק אַפּריל 22, 1960.

187 — ע. דער איינפלוס פון ד״ר הערצל אויפן לעבן און קאַמף פון יידן אין די געטאָס. ק.א.מ. דאָנערשטיק מאַי 16, 1960.

188 — ר. אויפן שיידוועג (וועגן גאָלדע גוטמאַן־קרימער׳ס בוך: „אויפן שיידוועג״) ק.א.מ. מאָנטיק יוני 6, 1960.

169 — ע. מרדכי געבירטיג. ק.א.מ. מאָנטיק יולי 4, 1960.

190 — ר. פסיכאָלאָגיע פון עמיגראַנטן. (וועגן ד״ר אַננאַ סטרנס בוך: ע׳ פּראָבלעם אין קריאייטיוו ריאָריענטיישן״). ק.א.מ. מאָנטיק יוני 26, 1960.
„יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה אויסגאַבע, נר. 21, 1960, זייטן 24־23.

111 — א. ראש־השנה אין אָטוואָצקער געטאָ. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה אויסגאַבע, נר. 21, 1960, זייטן 14־13.

192 — י. דאָס לעבן און אומקום פון אַ גרויסן יידישן היסטאָריקער. (וועגן פּראָפּ. שמעון דובנאָוו), ק.א.מ., ראש־השנה נומער, מיטוואָך סעפּטעמבער 21, 1960.

193 — פ. רפאל פעדערמאַן׳ס אויפטו. (וועגן יזכור רעקאָרד). ק.א.מ. מאָנטיק, דעצעמבער 26, 1960.

194 — ע. ד״ר פיליפ פרידמאַן — היסטאָריקער און אויפזאַמלער פון דער חורבן ליטעראַטור. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה אויסגאַבע נר. 22, 1960, זייטן 8־7.
„וועלט זשורנאַל״, תל אביב, נר. 9, אויגוסט 1, 1960, זייטן 13 און 18.

195 — ל. ד״ר פיליפ פרידמאַן (ליד). „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה־אויסגאַבע, נר. 22, 1960, זייט 6.

1961

196 — פ. הונדערט דרייסיק טויזנט דאָלאַר דאָניישן פון „קלוב 1939״ פאַר דעם יתומים־הויז אין יד־אליהו, נעבן תל־אביב. ק.א.מ. פרייטיק יאַנואַר 6, 1961.

197 — ע. ד״ר פיליפ פרידמאַן — הויפּט־פאָרשער פון דער חורבן־עפּאָכע. (צו דער ערשטער יאָרצייט). ק.א.מ. נר. 20, יאַנואַר 23, 1961.

198 — א. אַ דאַטע, וואָס דאַרפט פאַרצייכנט ווערן. (צום פינפטן יובילעאום פון די יום־טוב בלעטער). ק.א.מ. נר. 50, פעברואַר 27, 1961.

199 — ר. די געשיכטע פאָרשונג וועגן דער חורבן־עפּאָכע. (וועגן גאַיד טו דזשואיש היסטאָרי). ק.א.מ. מערץ 13, 1961.

200 — ע. די עפּאָפּעע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. ק.א.מ. מערץ 29, 1961.

201 — ע. יידישע קדושה און גבורה אין דער נאַצי צייט. ק.א.מ. מיטוואָך מערץ 29, 1961.

202 — ע. שבת ליכט. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, פסח אויסגאַבע, נומער 23, 1961, זייטן 10־9.
„וועלט זשורנאַל״, תל־אביב, נר. 12, נאָוועמבער 1, 1961.

203 — ר. זאָל דאָס יידישע וואָרט אָנהאַלטן אייביק. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַ־נעסבורג, פסח־אויסגאַבע, נר. 23, 1961, זייט 21.

204 — ע. די באַוווסטע פאַקטן וועגן נאַצי־מערדער סטראָאפּ. ק.א.מ. דאָנערשטיק מאַי 11, 1961.

205 — ר. ווי לאַנג נאָך? (וועגן ד״ר סאָלאָמאָן גרייזעל׳ס בוך: ע׳ היסטאָרי אָוו דהע טעמפּאָרערי דזשוס פראָם 1900 טו דהע פּרעזענט). ק.א.מ. דינסטיק מאַי 23, 1961.

206 — ר. די פּראָבלעמען פון דער חורבן־עפּאָכע. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַ־נעסבורג, שבועות אויסגאַבע, נר. 24, זייטן 7־6.

207 — ל. צו דער אומגעקומענער שטאָט (ליד). „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, שבועות אויסגאַבע, נר. 24, 1961, זייט 13.

208 — א. ד״ר יעקב שאַצקי׳ס לעבן און שאַפן. (צו דער פינפטער יאָרצייט). ק.א.מ. יוני 16, 1961.

209 — ר. גליווערנדיקער טרויער און קוואַליקע פרייד. (וועגן רבקה קאַפּע׳ס בוך: אַ ניי לעבן). ק.א.מ. יוני 29, 1961.

210 — ע. צווײ גרויסע ייִדן. (ד״ר טעאָדאָר הערצל און חיים נחמן ביאַליק) ק.א.מ. מיטוואָך יולי 5, 1961.

211 — ר. דערינערונגען ביים לייענען אַ בוך (וועגן ראַביי לעסלי ה. האַרדמאַן׳ס בוך: דהי סורוויוואָרס). ק.א.מ. דאָנערשטיק, יולי 20, 1961.

212 — פ. די מאַמע פון שאַנכיי־געטאָ. (צו די שלושים פון פערל פּראַקאַש). ק.א.מ. זונטיק יולי 30, 1961.

213 — פ. יומים־נוראים אין זיד אַפריקע. (וועגן וואָלף ריבקאַ׳ס בוך: „אויף די פליינען פון אַפריקע״). ק.א.מ. ראש השנה נומער, סעפּטעמבער 8, 1961.

214 — ע. אַ פּראָבלעם אין דער המשך־עפּאָכע. (אַ פילאָלאָגיש היסטאָרישע פאָר־שונג וועגן מאַראַנען). „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, ראש השנה אויסגאַבע, נר. 25, 1961, זייטן 10—7.

215 — ל. אין דעם קליינעם געטאָ (ליד). „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, ראש־השנה אויסגאַבע, נר. 25, 1961, זייט 26.

216 — א. יוסף אַראַנאָף אַ בן־שמונים. „יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה אויסגאַבע, נר. 26, 1961, זייטן 10 און 11.

217 — ל. באַשערט (ליד). ,יום־טוב בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה אויסגאַבע, נר. 26, 1961, זייט 4.

1962

218 — ע. אין אָנדענק פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן. (צו דער צווייטער יאָרצייט). ד.א.ז.ט. נר. 16,786, יאַנואַר 30, 1962.
„קענעדער אדלער״, מאָנטרעאל, נר. 29, פעברואַר 2, 1962.

219 — ב. דאָס לעבן און שאַפן פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן. אויסגאַבע פון ייִדישן קולטור קלוב אין מאָנטרעאל. מאָנטרעאל 1962, 54 זייטן.

220 — ע. צום 19־טן יאָרטאָג פון געטאָ אויפשטאַנד אין וואַרשע. ק.א.מ., ערשטער עסיי, זונטיק אַפּריל 29, 1962.
צווייטער עסיי, דינסטיק מאַי 1, 1962.

221 — פ. יציאת קאַצעט. ק.א.מ., דינסטיק מאַי 15, 1962.

222 — פ. ווי אַזוי האָט רעאַגירט דער פאַרבאַנד פון געוועזענע קאַצעטלער וועגן דער הינריכטונג פון צורר היהודים אַדאָלף אייכמאַן. ק.א.מ. מיטוואָך יוני 6, 1962.

223 — א. צבי ראָזענווייַן. ק.א.מ. מיטוואָך מאַי 30, 1962.

224 — א. דער עמוד און בינע־קינסטלער משה זאמאר. „יום־טוב בלעטער״, שבועות אויסגאַבע, יאָהאַנעסבורג 1962, נר. 28, זייטן 7־6.

225 — פ. קיינמאָל ניט פאַרגעסן. ק.א.מ. מיטוואָך יוני 13, 1962.

226 — ר. ממעמקים. (וועגן רבקה קאָפּע׳ס בוך „שטערן אין מיין שויב״). „יום־טוב בלעטער״, ראש־השנה אויסגאַבע, יאָהאַנעסבורג 1962, נר. 29, זייטן 18־17.

227 — ע. די לעבנס־געשיכטע פון צווײ שליחי צבור. ק.א.מ. מיטוואָך, אָקטאָבער 3, 1962.

228 — א. אומקום און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער ייִדנטום. ק.א.מ. דאָנער־שטיק אָקטאָבער 25, 1962.

229 — ע. לידער פון דער המשך־שטערעמונג. (ליטעראַרישער עסיי וועגן מאָטעס דייטש׳ס בוך: „צום נאָענטסטן שטערן ייִדיש״. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, תל־אביב 1959. ק.א.מ. דינסטיק, נאָוועמבער 27, 1962.

1963

230 — פ. בילדער־אויסשטעלונג וועגן די גרויליקע פאַרברעכנס פון די נאַציס. ק.א.מ. מיטוואָך, יאַנואַר 9, 1963.

231 — ע. צו דער דריטער יאָרצייט פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן. ק.א.מ. מאָנטיק, יאַנואַר 14, 1963.

232 — ע. An Appreciation of a Great Historian. (Dr. Philip Friedman.) The Canadian Jewish Chronicle Montreal, January 25, 1963.

233 — ע. דריי ביאָגראַפישע ביכער וועגן דער חורבן־עפּאָכע.
ק.א.מ. יאַנואַר 31, 1963.
„אונזער קיום״, פּאַריז, חודש־זשורנאַל, מאַרטש 1963.
„יום־טוב בלעטער״. פּסח־נומער 1963.

234 — א. ווי אַזוי די שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד האָט געפּראַוועט סדרים. ק.א.מ. פּסח־נומער, מאָנטיק, אַפּריל 8, 1963.

235 — ע. דאָס וואַרשעווער יידנטום אין געראַנגל און אין קאַמף.
ק.א.מ. אַפּריל 19, 1963.

236 — ע. לידער וועגן דריטן חורבן. (וועגן רייזל זשיכלינסקי׳ס בוך „שווייגנדיקע טירן״, ק.א.מ. מיטוואָך, אַפּריל 24, 1963.

237 — ע. דער טשענסטאָכאָווער אַדאָלף אייכמאַן. (סעריע פון 4 אַרטיקלען)
ק.א.מ. דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, פרייטיק, מאַי 7,8,9 און 10, 1963.

238 — פ. דער יום־הזכרון פון קאַצעטלער־פאַרבאַנד. ק.א.מ. דינסטיק, מאַי 14, 1963.

239 — ר. אַן אייגנאַרטיקער יובילעאום פון אַן אייגנאַרטיקן זשורנאַל. (100 נומערן פאָלקס־געזונט) ק.א.מ. דינסטיק יוני 11, 1963.

240 — ע. טיפּן און געשטאַלטן פון אַן אומגעקומענער וועלט. (הרב יוסף פּראַקאַש זצ״ל) ק.א.מ. ראש השנה־נומער, מיטוואָך, סעפּטעמבער 18, 1963.

241 — ע. געשטאַלטן פון געפאַלענע העלדן פון טשענסטאָכאָווער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. „יום־טוב בלעטער״. ראש השנה נומער. יאָהאַנעסבורג, נר. 33, סעפּטעמבער 1963, זייטן 8־7.

242 — ע. פּינסק און אומגעגענט. ק.א.מ. זונטיק, אָקטאָבער 13, 1963.

243 — ע. 21־טער יאָרצייט פון אומקום פון טשענסטאָכאָווער יידן. ק.א.מ. מיטוואָך, אָקטאָבער 23, 1963.

244 — ע. דער פאָלקלאָריסטישער אַספּעקט אין רפאל פעדערמאַנ׳ס בוך „ביי די טייכן וואַרטע און איסט ריווער״. יום טוב בלעטער. חנוכה־נומער, יאָהאַנעסבורג, נר. 34, דעצעמבער 1963, זייטן 7־6.

1964

245 — ע. רעליגיעזער אַספּעקט ביי ד״ר פ. פרידמאַן. (צו דער פערטער יאָרצייט) ק.א.מ. פרייטיק, פעברואַר 7, 1964.

246 — א. פּסח 1942 אין געטאָ אָטוואָצק. (פּסח־אויסגאַבע)
ק.א.מ. פרייטיק, מערץ 27, 1964.

247 — ע. דערציילונגען וועגן אַן אומגעקומענער וועלט. (וועגן שרה האַמער דזשאַקלין׳ס צוויי ביכער; „לעבנס און געשטאַלטן" און „שטאַמען און צווייגן") „יום־טוב־בלעטער" פסח־נומער, יאָהאַנעסבורג, נר. 35, מערץ 1964, זייטן 12־11.

248 — ע. מיט 21 יאָר צוריק. (וועגן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד) ק.א.מ. מיטוואָך, אַפּריל 8, 1964.

249 — ר. מיט אַ שמייכל אויף דער ערד. (וועגן הערש שישלער׳ס בוך.) ק.א.מ. זונטיק, אַפּריל 19, 1964.
„יום־טוב בלעטער" שבועות אויסגאַבע נר. 36, יאָהאַנעסבורג, מאַי 1964.

250 — ב. סאָציאַלע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע. יידישער קולטור קלוב, מאָנטרעאָל 1964, 50 זייטן.

152 — ב. עטישע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע. יידישער קולטור־קלוב, מאָנטרעאָל 1964, 42 זייטן.

252 — ע. רעדאַקטאָר ישראל ראַבינאָוויטש איז מער נישטאָ! „יום טוב־בלעטער", שבועות־אויסגאַבע, נר. 36, יאָהאַנעסבורג, מאַי 1964.

253 — ל. טשענסטאָכאָוו.

254 — פ. אַריינפיר צו הרב בנימין באַזשיקאָווסקי׳ס מעסעדזש.

255 — פ. אַריינפיר צו קאָפּל קאַנאַרסקי׳ס מעסעדזש

256 — ע. דער נאַצי־רוצח דעגענהאַרדט.

257 — ע. דער ווידערשטאַנדס־קאַמף פון טשענסטאָכאָווער יידנטום קעגן דער נאַצי־מאַכט.

258 — ע. דער עוואַקואַציע־טראַנספּאָרט פון „האסאַג־פּעלצערן" קיין דייטשלאַנד.

259 — א. אַ קאַפּיטל פון מיינע איבערלעבונגען אין טשענסטאָכאָוו אין דער נאַצי־צייט.

260 — ע. ימים נוראים 1944־1943 אין קאָנצענטראַציע־לאַגער „האסאַג־פּעלצערן" און די לעבנס־געשיכטע פון צוויי יונגע חזנים.

261 — א. לייבקע יאַקובאָוויטש.

262 — א. שלמה וואגא.

263 — א. רפאל פעדערמאַן.

264 — א. צבי ראָזענווין.

265 — א. דוד קאָניעצפּאלער.

266 — ל. ברויט.

267 — ל. דאָס קליינע געטאָ.

268 — ל. באַשערט.

269 — ל. „האסאַג".

270 — ע. ד״ר פיליפ פרידמאן׳ס ביישטראג צו דער געשיכטע פון טשענסטאכאו.

271 — ע. הרב פראקאש זצ״ל.

272 — ע. יחזקאל סילווער (זילבערבערג) ע״ה.

373 — א. אברהם ווייסקאפ ע״ה.

274 — א. שלמה דילעווסקי ע״ה.

275 — א. יוסף זילבערבערג ע״ה.

276 — ע. איידע מאזע ע״ה.

277 — א. רענא וואגא ע״ה.

2778 — ע. די מאמע פון שאנכייער געטא. (פערל פראקאש ע״ה).

2779 — ע. פעליציא וואלאס. (ווראצלאווסקי) ע״ה.

280 — פ. אריינפיר צו דזשארזש קליינ׳ס ארטיקל: „אין אנדענק פון מיינע, אויף קידוש השם אומגעקומענע, עלטערן״.

די אויסגערעכנטע ארבעטן פון נומער 253 ביז 280 איינשליסליך, זיינען פאר־עפנטליכט אין בוך „טשענסטאכאווער לאנדסלייט״, אין מאנטרעאל. מאנטרעאל 1964.